ספר

# נעימות אליעזר

על התורה

ומועדים

# ויחי

וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם שְׁבַע עֶשְׂרֵה שָׁנָה וַיְהִי יְמֵי יַעֲקֹב שְׁנֵי חַיָּיו שֶׁבַע שָׁנִים וְאַרְבָּעִים וּמְאַת שָׁנָה: עס איז דאך ממש נישט צום גלייבן וויפיל מען קען זיך אויס בעטן אין דעם הייליגן אָן געפילט'ן פרשה פון: "פַּרְשַׁת וַיְחִי", און וויפיל צדיקים האבן דאך שוין ארויין געטייטש'ט גאר גאר גרויסע ענינים ביי די ווערטער: "עַד כִּי יָבֹא שִׁילֹה", און וויפיל צדיקים האבן דאך שוין פארגאסן טייכן טרערן ביי די ווערטער: "הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים", און זיי האבן דאך דעמאלט'ס פראבירט ארויס צו ברענגען מיט דעם די טיפ'קייט וואס ליגט באהאלטן אין דעם הייליגן פרשה פון פרשת: "וַיְחִי יַעֲקֹב" – ווי אזוי א יודיש קינד דארף צו לעבן אויף דער וועלט, אבער בכל אופן.. לאמיר גלייך צו גיין צום ענין, ווייל לכאורה דארף מען דאך פארשטיין א פָּאר נקודות דא אין די וואכעדיגע פרשה:

1) אז פארוואס שטייט די וואך אין די פרשה אז: "וַיְחִי" יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם שְׁבַע עֶשְׂרֵה שָׁנָה – אז יעקב אבינו האט "געלעבט" אין דעם לאנד מצרים זיבעצן יאר, עס וואלט דאך לכאורה געדארפט שטיין דא אין פסוק דעם לשון, אז: "וַיָּגָר" יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם שְׁבַע עֶשְׂרֵה שָׁנָה – אז יעקב אבינו האט "געוואוינט" אין דעם לאנד מצרים זיבעצן יאר, ווייל ווען איינער וויל איינעם זאגן אז איך האב א חבר וואס וואוינט אין דעם און דעם שטאט, זאגט ער דאך איהם דעמאלט'ס אזוי, אז דו ווייסט..?! איך האב א חבר וואס "וואוינט" אין דעם און דעם שטאט, אבער ער זאגט איהם נישט דעמאלט'ס דעם לשון, אז דו ווייסט..?! איך האב א חבר וואס "לעבט" אין דעם און דעם שטאט, נאר ער זאגט איהם דעמאלט'ס דעם לשון, אז דו ווייסט..?! איך האב א חבר וואס "וואוינט" אין דעם און דעם שטאט, ווייל דאס איז דאך די נארמאל'ע וועג פון רעדן..?!

און ממילא פארוואס זאגט אונז דא דער הייליגער הק' אז דו זאלסט וויסן אז יעקב אבינו האט "געלעבט" אין מצרים זיבעצן יאר..?! זאג אונז אז יעקב אבינו האט "געוואוינט" אין מצרים זיבעצן יאר..?! וואס איז פשט פון דעם לשון: "וַיְחִי" יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם שְׁבַע עֶשְׂרֵה שָׁנָה – אז יעקב אבינו האט "געלעבט" אין דעם לאנד מצרים זיבעצן יאר..?!

2) און נאך א קשיא איז דאך שווער דא, ווייל מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז די וואכעדיגע פרשה ווערט דאך אָן גערופן: פַּרְשַׁת "וַיְחִי" – די פרשה פון "לעבן", אבער איין מינוט ר' יוד, וואס הייסט אז: פַּרְשַׁת "וַיְחִי" איז די פרשה פון "לעבן", אויב עס איז דא א פרשה אין די גאנצע תורה וואס רעדט פון "דאס פארקערט'ע פון לעבן".. דעמאלט'ס איז דאך דאס נאר: פַּרְשַׁת "וַיְחִי", ווייל גאנץ: פַּרְשַׁת "וַיְחִי" איז דאך נאר צוזאם געשטעלט פון איין זאך, און דאס איז, פון די "פטירה" פון יעקב אבינו, און אזוי אויך פון דאס וואס יעקב אבינו האט געטוהן גלייך פאר זיין פטירה, און וואס ער האט געזאגט פאר אלע זיינע קינדער גלייך פאר זיין פטירה, און ווי אזוי זיין פטירה איז צו געגאנגען, און אין גאנץ: פַּרְשַׁת "וַיְחִי" טוט מען דאך נאר א דורך די "פטירה" פון יעקב אבינו, און אזוי אויך אלעס וואס האט פאסירט גלייך פאר זיין פטירה, און די פטירה פון: "יוֹסֵף הַצַּדִּיק" געפונט זיך דאך אויך אין די וואכעדיגע פרשה וואס ווערט אָן גערופן: פַּרְשַׁת "וַיְחִי"..?!

און ממילא פארוואס ווערט: פַּרְשַׁת "וַיְחִי" אָן גערופן: פַּרְשַׁת "וַיְחִי" – די פרשה פון "לעבן"..?! גאנץ: פַּרְשַׁת "וַיְחִי" רעדט זיך דאך נאר פון די "פטירה" פון "יעקב אבינו" און פון די "פטירה" פון "יוסף הצדיק", און דאס אלעס איז דאך לכאורה "פונקט דאס פארקערט'ע פון לעבן"..?!

3) און נאך א קשיא איז דאך שווער דא, און דאס איז דאך, אז פארוואס שטייט גלייך די ערשטע זאך אין די וואכעדיגע פרשה, אז: וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם "שְׁבַע עֶשְׂרֵה שָׁנָה" – אז א יעדער איינער זאל וויסן אז יעקב אבינו האט געלעבט "זיבעצן יאר" אין דעם לאנד מצרים, וואס איז אונז א נפקא מינה וויפיל יאר יעקב אבינו האט געלעבט אין דעם טמא'נעם לאנד "מצרים"..?! די עיקר איז דאך, אז די פסוק דערציילט אונז דא וויפיל יאר יעקב אבינו האט געלעבט "אלעס צוזאמען" דורך אויס זיין גאנץ לעבן, און ממילא פארוואס ווען עס קומט צו זאגן וויפיל יאר יעקב אבינו האט "געלעבט" אלעס צוזאמען, זאגט אונז דעמאלט'ס די פסוק, אז עטץ זאלט'ס וויסן אז יעקב אבינו האט געלעבט "זיבעצן יאר" אין דעם לאנד "מצרים"..?! זאג אונז גלייך וויפיל יאר יעקב אבינו האט געלעבט "אלעס צוזאמען", אזוי ווי עס איז דאך שוין טאקע דער סדר פון דער הייליגער תורה הק' צו זאגן אלעמאל..?! אזוי ווי מען זעהט דאך שוין טאקע בפירוש אין כמה וכמה פרשיות אין דער הייליגער תורה הק'..?!

און מען זעהט דאך שוין טאקע אויך בפירוש "אין די וואכעדיגע פרשה אליין".. אז דער הייליגער תורה הק' זאגט דאך אונז שוין דא קלאר אין די וואכעדיגע פרשה [סוף פרשה] דעם לשון, אז: "וַיְחִי יוֹסֵף מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים" – אז יוסף הצדיק האט געלעבט "אלעס צוזאמען" הונדערט און צעהן יאר, און דאס איז עס – און דאס איז געווען די סכום וויפיל יאר יוסף הצדיק האט געלעבט, איי.. וועט איינער אבער פרעגן, אז ווי אזוי ווייסטו אז דאס איז טאקע געווען די צאל פון די יארן וואס יוסף הצדיק האט געלעבט דורך אויס זיין גאנץ "לעבן"..?! אפשר איז דאס נאר געווען די צאל פון די יארן וואס יוסף הצדיק האט געלעבט אין "מצרים"..?!

און די תירוץ אויף דעם איז דאך, אז די סיבה פארוואס עס מוז זיין אז די צאל פון: "בֶּן מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים" איז געווען די צאל וויפיל יארן יוסף הצדיק האט געלעבט "אלעס צוזאמען" איז, ווייל די פסוק זאגט דאך אונז שוין בפירוש אין די לעצטע פסוק פון די וואכעדיגע פרשה (קפיטל נ' פסוק כ"ו), אז: "וַיָּמָת" יוֹסֵף בֶּן מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים – אז יוסף הצדיק איז "אוועק פון די וועלט" ביי די "הונדערט און צעהן יאר", און ווען דער הייליגער הק' זאגט אונז די ווערטער אז: "וַיָּמָת" יוֹסֵף בֶּן מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים – און ווען דער הייליגער הק' זאגט אונז די ווערטער אז יוסף הצדיק איז "אוועק פון די וועלט" ביי די "הונדערט און צעהן יאר", ווערט דאך דעמאלט'ס נתגלה אז דאס וואס דער הייליגער תורה הק' האט אונז פריער געזאגט מיט די ווערטער: "וַיְחִי" יוֹסֵף מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים מיינט טאקע אז יוסף הצדיק האט געלעבט "אלעס צוזאמען" הונדערט און צעהן יאר.

און ממילא פארוואס ווען מען רעדט פון די יארן פון "יעקב אבינו", זאגט אונז דא דער הייליגער תורה הק', אז דו זאלסט וויסן אז: וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם "שְׁבַע עֶשְׂרֵה שָׁנָה" – אז דו זאלסט וויסן אז יעקב אבינו האט געלעבט "זיבעצן יאר" אין דעם לאנד "מצרים", וואס איז אונז א נפקא מינה וויפיל יאר יעקב אבינו האט געלעבט אין דעם טמא'נעם לאנד "מצרים"..?! די עיקר איז דאך, אז די פסוק דערציילט אונז דא וויפיל יאר יעקב אבינו האט געלעבט "אלעס צוזאמען" – דורך אויס זיין גאנץ לעבן..?!

4) און נאך א קשיא איז דאך שווער דא, ווייל פארוואס דארף אונז דא די פסוק קומען זאגן אז: וַיִּהְיוּ יְמֵי יַעֲקֹב "שְׁנֵי חַיָּיו" – פארוואס דארף אונז דא די פסוק קומען זאגן אז די יארן וואס יעקב אבינו האט געלעבט זענען געווען "זיינע יארן"..?! אוודאי איז די יארן פון יעקב אבינו געווען: "שְׁנֵי חַיָּיו" – אוודאי איז די יארן פון יעקב אבינו געווען די יארן פון זיין אייגענ'ע לעבן..?! וועמענ'ס דען איז דאס געווען..?! די ווערטער: "שְׁנֵי חַיָּיו" זעהט דאך לכאורה אויס אביסעל'ע איבריג..?! ניין..?! און די פסוק וואלט דאך אונז דא לכאורה געדארפט זאגן אזוי ווי די פסוק זאגט דאך אונז שוין אלעמאל, אז וואס..?! אז: "וַיִּהְיוּ יְמֵי פְּלוֹנִי בֶּן פְּלוֹנִי כַּךְ וְכַךְ שָׁנִים"..?! וואו קומט אבער דא אריין די ווערטער: "שְׁנֵי חַיָּיו" – וואו קומט אבער דא אריין די ווערטער אז די יארן פון יעקב אבינו זענען טאקע געווען "זיינע אייגענ'ע יארן"..?! אויב דו זאגס'ט דאך מיר שוין בפירוש אז: "וַיִּהְיוּ יְמֵי יַעֲקֹב" – אויב דו זאגס'ט דאך מיר שוין בפירוש אז מען רעדט דא פון די טעג פון יעקב אבינו, איז פארוואס דארפסטו מיר דעמאלט'ס גלייך נאך דעם זאגן אז די יארן

וואס יעקב אבינו האט געלעבט זעגען געווען: "שְׁנֵי חַיָּיו" – איז פארוואס דארפסטו מיר דעמאלט'ס גלייך נאך דעם זאגן אז די יארן וואס יעקב אבינו האט געלעבט זענען געווען זיינע אייגענ'ע יארן, אוודאי איז דאס געווען די יארן פון "יעקב אבינו"..?! וועמענ'ס דען איז דאס געווען..?!

5) און נאך א קשיא איז דאך שווער דא, ווייל מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז רש"י הק' זאגט דאך אונז שוין בפירוש אין די וואכעדיגע פרשה, וזלה"ק, אז: "למה פרשה זו סתומה" – אז פארוואס איז: פַּרְשַׁת "וַיְחִי" אז: פרשה "סתומה", און דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז פארוואס איז נישט דא אביסעל'ע ליידיג פלאץ אין די ספר תורה צווישן "פרשת ויגש" און "פרשת ויחי" אזוי ווי עס איז דא צווישן אלע אנדערע פרשיות התורה..?! און רש"י הק' ענטפערט דאך אונז שוין דא אויף דעם צוויי שיינע תירוצים:

א) ווייל מען האט דאך שוין געהאלטן דא ממש פאר די גרויסע "גלות מצרים", און וויבאלד די יודישע קינדער זענען דאך שוין דא אָן געקומען צו אזא ביטער'ע מצב, איז דעמאלט'ס גלייך: "נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד שהתחילו לשעבדם" – איז דעמאלט'ס גלייך פאר שטאפט געווארן די אויגן און די הערצער פון די יודישע קינדער וויבאלד מען האט דאך זיי שוין דא אָן געהויבן משעבד צו זיין, [און אדער מיינט דא רש"י הק' צו זאגן אביסעל'ע אנדערש, און דאס איז, אז ווי נאר "יעקב אבינו" איז דא אָן געקומען צו א מצב וואס ער האט געזעהן אז מען הייבט דאך שוין דא אָן משעבד צו זיין זיינע אייגענ'ע קינדער, איז דעמאלט'ס גלייך: נסתמו עיניהם ולבם של "ישראל" – איז דעמאלט'ס גלייך פאר שטאפט געווארן די אויגן פון "יעקב אבינו" פון די: "צרת השעבוד שהתחילו לשעבדם", און ער איז דעמאלט'ס גלייך געווארן בלינד אין א געוויסע בחינה, ווייל ער האט דאך נישט געקענט צו קוקען מיט זיינע אייגענ'ע אויגן ווי מען גייט דא יעצט משעבד זיין זיינע אייגענ'ע קינדער צו די טמא'נע "מצריים"].

ב) און די צווייטע תירוץ פארוואס: "פַּרְשַׁת וַיְחִי" איז א "פרשה סתומה" איז, ווייל: "בקש לגלות את הקץ לבניו ונסתם ממנו" – ווייל יעקב אבינו האט דאך דא אין אמת'ן געוואלט מגלה זיין פאר זיינע קינדער ווען משיח ווען קומען, אבער: "נסתם ממנו" – אבער עס איז דאך דא פלוצלונג פארהוילן געווארן פון איהם, און ער האט דא יעצט בלית ברירה געמוזט אָן הייבן צו רעדן פון אנדערע זאכן.

אבער לכאורה איז דאך שווער א פָּאר קשיות אויף די צווייטע פשט פון רש"י הק': א) אז פארוואס האט יעקב אבינו אזוי שטארק געוואלט אויס זאגן פאר זיינע קינדער "ווען משיח וועט קומען"..?! וואס וועט מען האבן פון דעם אויב מען וועט וויסן "ווען" משיח וועט קומען..?! ב) און אויב יעקב אבינו האט טאקע געהאלטן אז זיינע קינדער מוזן וויסן "ווען משיח וועט קומען", איז דעמאלט'ס מסתמא האט ער געהאט א גוטע "סיבה" פארוואס ער האט געוואלט אויס זאגן פאר זיינע קינדער "ווען משיח וועט קומען", יא..?! און ממילא פארוואס: "נסתם ממנו" – און ממילא פארוואס האט מען איהם דעמאלט'ס צו גענומען פון הימל די ידיעה "ווען משיח וועט קומען", און פארוואס האט מען איהם דעמאלט'ס צוריק געהאלטן פון הימל אז ער זאל "נישט" קענען אויס זאגן פאר זיינע קינדער "ווען משיח וועט קומען", אדער איז גוט אז מען זאל וויסן ווען משיח קומט, און אדער נישט..?! און ממילא וואס גייט דא פָּאר..?!

6) און נאך א קשיא איז דאך שווער דא, ווייל מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז דער הייליגער זוהר הק' פרעגט דאך אונז שוין די וואך אין די פרשה א מורא'דיגע אייזענ'ע קשיא, און דאס איז, אז מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז דער הייליגער תורה הק' איז דאך איין שטיק: "תּוֹרַת אֱמֶת", און ממילא ווי אזוי קען דעמאלט'ס שטיין דא קלאר און אפן אין די וואכעדיגע פרשה אז יעקב אבינו האט דא געזאגט פאר זיינע צוועלעף: "שִׁבְטֵי יָ-הּ".. אז: הֵאָסְפוּ "וְאַגִּידָה לָכֶם" אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים – אז קומט'ס און איך "וועל" ענק אויס זאגן ווען משיח וועט קומען, אבער איין מינוט יעקב אבינו, דו "גייסט" יעצט אויס זאגן פאר דיינע קינדער ווען משיח וועט קומען..?! דו גייסט דאך זיי דא "נישט" אויס זאגן..?! ווייל מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז יעקב אבינו האט דאך זיי טאקע למעשה סוף כל סוף "נישט"

אויס געזאגט ווען משיח וועט קומען, און ממילא ווי אזוי קען דעמאלט'ס שטיין קלאר און אפן אין די וואכעדיגע פרשה א זאך וואס פאסירט נישט, און ווי אזוי קען דא שטיין קלאר און אפן אין די וואכעדיגע פרשה אז יעקב אבינו האט דא געזאגט פאר זיינע קינדער אז: הֵאָסְפוּ "וְאַגִּידָה לָכֶם" אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים – אז קומט'ס און איך "וועל" ענק אויס זאגן ווען משיח וועט קומען, דו גייסט דאך זיי למעשה סוף כל סוף "נישט" אויס זאגן ווען משיח וועט קומען..?!

און ממילא פארוואס זאגסטו דא יעקב אבינו אז דו "גייסט" אויס זאגן פאר דיינע קינדער ווען משיח וועט קומען, דו גייסט דאך זיי למעשה "נישט" אויס זאגן ווען משיח וועט קומען..?! און ממילא ווי אזוי קען שטיין אין דער הייליגער תורה הק' [וואס איז דאך נצחיות] א זאך וואס פאסירט נישט סוף כל סוף..?! א יעדע ווארט אין דער הייליגער תורה הק' איז דאך ריין: "אֱמֶת", און ממילא ווי אזוי קען דעמאלט'ס שטיין אין דער הייליגער תורה הק' אז יעקב אבינו האט דא געזאגט פאר זיינע קינדער אז: "הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים" ווען ער גייט דאך זיי למעשה "נישט" פארציילן..?!

7) און נאך א קשיא איז דאך שווער דא, ווייל עס איז אמת טאקע אז מיר גייען טאקע אלע אויס שרייען די וואך נאך קריאת התורה אז: "חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק"..! אבער ווי אזוי ענדיגט זיך "ספר בראשית" – אבער ווי אזוי ענדיגט זיך די וואכעדיגע פרשה וואס איז דאך די לעצטע פרשה פון "ספר בראשית" [וואס אויף דעם שרייען מיר דאך אלע אויס אז: "חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק"]..?!

און די תירוץ אויף דעם איז דאך, אז די וואכעדיגע פרשה ענדיגט זיך דאך מיט גאר גאר אינטרעסאנט'ע ווערטער, ווייל דער הייליגער תורה הק' זאגט דאך אונז שוין סוף פון די וואכעדיגע פרשה אזוי, אז דו זאלסט וויסן ר' יוד, אז: "וַיָּמָת יוֹסֵף בֶּן מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים" – אז יוסף הצדיק איז געשטארבן ווען ער איז געווען הונדערט און צעהן יאר אלט, און: "וַיַּחַנְטוּ אֹתוֹ" – און מען האט איהם געזאלב'ט, און: "וַיִּישֶׂם בָּאָרוֹן בְּמִצְרָיִם" – און מען האט איהם אריין געלייגט אין א קאסטן אין דעם לאנד מצרים, און: "אֲשֶׁר עַל כֵּן".. איז וואס..?! און: "אֲשֶׁר עַל כֵּן" איז: "חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק" – און: "אֲשֶׁר עַל כֵּן" לאמיר זיך שטארקן און שטארקן און שטארקן.

אבער איין מינוט ר' יוד, וואס איז פשט פון דעם..?! אזוי ענדיגט מען א "ספר בראשית"..?! אז א מענטש איז "געשטארבן" און מען האט איהם אריין געלייגט אין א קאסטן..?! מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז קיינער ענדיגט דאך קיינמאל נישט קיין "מעשה" מיט די ווערטער אז "יענער איז געשטארבן און מען האט איהם באגראבן און פארטיג", ווייל א "מעשה" דארף זיך דאך ענדיגן "געשמאק" און "איינגענעם"..?!

און דו ביזט גערעכט טאקע אז דער הייליגער תורה הק' איז דאך טאקע למעשה נישט קיין "מעשה ביכל" חס ושלום, אבער אפילו הכי ווייסן מיר דאך שוין אבער אלע זייער גוט, אז א מענטש דארף דאך שטענדיג ענדיגן מיט א: "דבר טוב" – אז א מענטש דארף דאך שטענדיג ענדיגן מיט א "גוטע זאך", און עס איז דאך שוין טאקע אויך באקאנט פאר א יעדעם איינעם, אז אויב ענדיגט מען די הפטורה פון "שבת ראש חודש" מיט נישט קיין גוטע פסוק פון: "וְהָיוּ דֵרָאוֹן לְכָל בָּשָׂר" וגו', זאגט מען דעמאלט'ס גלייך נאך אמאל איבער דעם פסוק פון: "וְהָיָה מִדֵּי חֹדֶשׁ בְּחָדְשׁוֹ" וגו', כדי נישט צו ענדיגן מיט א שלעכטע זאך, ווייל א יודיש קינד טאר דאך קיינמאל נישט ענדיגן מיט קיין: "דבר רע".

און אפילו: "אֵיכָה" [וואס מען זאגט אין אזא ביטער'ע טאג ווי "תשעה באב"] ענדיגט מען דאך אויך נישט מיט קיין: "דבר רע", נאר מען זאגט דעמאלט'ס [נאכן ליינען: "אֵיכָה"] נאך אמאל איבער דעם פסוק פון: "הֲשִׁיבֵנוּ יהו-ה אֵלֶיךָ וְנָשׁוּבָה חַדֵּשׁ יָמֵינוּ כְּקֶדֶם", ווייל ניין ר' יוד, מען ענדיגט דאך קיינמאל נישט מיט קיין: "דבר רע".

און ממילא פארוואס ענדיגט זיך "ספר בראשית" מיט די ווערטער: אז: "וַיָּמָת יוֹסֵף בֶּן מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים" וגו'..?! דער הייליגער תורה הק' זאגט דאך אונז דא אזוי, אז דו זאלסט וויסן ר' יוד, אז: "וַיָּמָת יוֹסֵף בֶּן מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים" – אז יוסף הצדיק איז געשטארבן ווען ער איז געווען הונדערט און צעהן יאר אלט, און: "וַיַּחַנְטוּ אֹתוֹ" – און מען האט איהם געזאלב'ט, און: "וַיִּישֶׂם בָּאָרוֹן בְּמִצְרָיִם" – און מען האט איהם אריין געלייגט אין א קאסטן אין דעם לאנד מצרים, און וועגן דעם.. איז: "חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק" – און וועגן דעם.. שטארקט'ס ענק שטארקט'ס ענק און לאמיר זיך אלע צוזאמען שטארקן..?! אבער איין מינוט ר' יוד, ווי אזוי ווילסטו פונקטליך אז איך זאל זיך מחזק זיין ווען איך הער אזעלכע שוידערליכ'ע ווערטער..?! ווי אזוי בין איך זיך מחזק ווען מען ענדיגט גאנץ ספר בראשית מיט די ווערטער אז "יוסף הצדיק איז געשטארבן"..?!

און כדי צו פאר ענטפער'ן די אלע קשיות, דארף מען דאך אבער קודם פארשטיין וואס עס האט פאסירט בשעת ווען יעקב אבינו איז אָן געקומען קיין "מצרים" און זיך באזעצט אין דעם שטאט: "גֹּשֶׁן", ווייל מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז די פסוק זאגט דאך אונז שוין בפירוש אין פרשת ויגש (קפיטל מ"ז פסוק ט'), אז יעקב אבינו האט דאך שוין דעמאלט'ס אליין געזאגט פאר פרעה, אז: "מְעַט וְרָעִים הָיוּ יְמֵי שְׁנֵי חַיַּי" – אז די יארן פון מיין לעבן וואס איך האב געלעבט זענען דאך ווייניג און שלעכט [אנטקעגן די יארן וואס מיין הייליגע טאטע יצחק האט געלעבט], ווייל איך האב זיך דאך שוין צוזאם געליטן א וועלט מיט צרות דורך אויס אלע מיינע יארן וואס איך האב געלעבט, ווייל איך האב דאך געהאט: "צָרַת עֵשָׂו", און: "צָרַת לָבָן", און: "צָרַת אֱלִיפָז", און: "צָרַת יוֹסֵף הַצַּדִּיק", און נאך אסאך פארשידענ'ע אנדערע סארטן צרות האב איך זיך דאך שוין צוזאם געליטן דורך אויס אלע מיינע יארן ביז אהער.

און יעקב אבינו וואלט דאך דא רואיגערהייט געקענט טראכטן, אז.. איין מינוט, איך האב דאך שוין סיי ווי סיי געהאט אזא שווערע לעבן, ווייל איך בין דאך שוין אנטלאפן פון מיין ברודער עשיו וואס האט מיר געוואלט הארגע'נען, און איך האב זיך דאך שוין אפ גע'ארבעט גאנצע "פערצן יאר" כדי צו קענען חתונה האבן מיט די הייליגע צדיקת "רחל אמינו", ווייל מיין פעטער לבן הארמי האט דאך מיר אויס געפאפט בשעת ווען עס האט זיך גע'ענדיגט די ערשטע זיבן יאר, און שפעטער.. האב איך דאך פארלוירן מיין באליבט'ע: "בֶּן זְקֻנִים" וואס הייסט: "יוֹסֵף הַצַּדִּיק" פאר גאנצע "צוויי און צוואנציג יאר", און ממילא יעקב אבינו וואלט דאך שוין דא רואיגערהייט געקענט טראכטן ביי זיך, אז.. גענוג, איך מיין אז איך האב שוין גענוג געהאט, און ממילא לאמיר זיך דא באזעצן אין דעם לאנד מצרים, און לאמיר דא אויס לעבן אלע מיינע איבריגע יארן במנוחה, און שוין, און לאמיר שעפן אביסעל'ע פריש'ע "כוחות הנפש".

אבער.. ניין, יעקב אבינו האט נישט אזוי געזאגט, נאר יעקב אבינו האט דא געזאגט אזוי, אז עס איז אמת טאקע אז איך האב דאך טאקע געהאט גאר גאר א שווערע לעבן, אבער פארוואס זאל איך נישט אריין כאפן די לעצטע פָּאר יאר וואס עס איז מיר נאך פאר בליבן צום לעבן זיי אויס צו נוצן צום גוט'ן..?! עס איז דאך אזא שאד, ווייל איך קען דאך נאך אריין כאפן אזוי פיל דברים טובים וואס א אלטע יוד קען דאך נאך יא מקיים זיין..?! און איך קען דאך נאך אריין כאפן אזוי פיל: "מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים" טראץ דעם וואס איך בין דאך שוין זייער אלט און שוואך..?! און ממילא פארוואס זאל איך קוקען אויף מיין עבר און זאגן אז איך האב דאך שוין סיי ווי סיי געהאט גאר גאר א שווערע לעבן..?! עס לוינט זיך דאך נישט..?! ווייל אויב דער אייבערשטער האט מיר נאך געגעבן צייט צו לעבן, דעמאלט'ס איז דאך א סימן אז איך קען דאך נאך עפעס אויף טוהן אין די צייט.

און ממילא וועגן דעם שטייט טאקע דא גלייך אין פסוק אין די וואכעדיגע פרשה גלייך נאך דעם וואס יעקב אבינו האט גע'ענדיגט די פרשה פון: "צָרַת יוֹסֵף הַצַּדִּיק" אז: "וַיְחִי" יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם שְׁבַע עֶשְׂרֵה שָׁנָה – אז יעקב אבינו האט נאך זוכה געווען צו "לעבן" זיבעצן גוטע יארן אין דעם לאנד "מצרים", און יא ר' יוד, יעקב אבינו האט נאך זוכה געווען צו לעבן זיבעצן "גוטע" יארן אין דעם לאנד מצרים: כְּמִנְיַן "טוֹב", [און די ווערטער: "וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם" איז דאך טאקע אויך פונקט: "שְׁבַע עֶשְׂרֵה אוֹתִיּוֹת"],

ווייל יא ר' יוד, דער אייבערשטער האט דאך דא געוואלט ווייזן מיט דעם פאר די יודישע קינדער, אז אפילו אזא איינער וואס איז "באמת" א דורך געגאנגען א שווערע לעבן, און ער האלט דאך שוין דא יעצט ממש פארן שטארבן, איז דאס אבער נאך אלץ נישט קיין סיבה אויף צו געבן אויפן לעבן..! נאר פארקערט, כאפ אריין נאך א מצוה פארן היילִיגן באשעפער, און כאפ אריין נאך א "דבר טוב" פארן היילִיגן באשעפער, און כאפ אריין נאך א ליכטיגע תפילה פארן גרויסן: "מֶלֶךְ שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה", און מאך נאך אמאל א: "נַחַת רוּחַ" פארן היילִיגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים".

ווייל ווי לאנג א מענטש אטעמ'ט, דעמאלט'ס איז א סימן אז ער באלאנגט דאך נאך דא אויף דער וועלט, און והא ראי', ווייל ער אטעמט דאך נאך, און אויב דער אייבערשטער וואלט געוואלט אז דער מענטש זאל מער נישט זיין אויף דער וועלט, וואלט ער דאך איהם דעמאלט'ס אינגאנצן אוועק גענומען דעם אטעם, און ממילא וויבאלד דו זעהסט אז דער מענטש אטעמט נאך יא, דעמאלט'ס איז דאך א סימן אז ער באלאנגט דאך נאך יא אויף דער וועלט, און.. דער מענטש דארף זיך דאך פשוט פראבירן צו דער האלטן טראץ דעם וואס עס גייט אריבער אויף איהם שוועריקייטן.

און עס ווערט דאך שוין טאקע אויך געברענגט פון איינער פון די תלמידי בעל שם טוב הק', אז עס איז דאך נישט קיין שום קונץ צו זיין א ערליכע יוד ווען אלעס גייט גוט און געשמירט, נאר די קונץ איז, צו זיין א ערליכע יוד ווען זאכן גייען נישט אזוי ווי דו וואלס'ט געוואלט אז עס זאל גיין, און אויב א יודיש קינד קוקט נישט אויף זיין עבר, נאר ער קוקט א גאנצן צייט "פָּאר אויס", דעמאלט'ס קען דאך איהם קיינער נישט צוברעכן, ווייל דער יוד לעבט דאך שטענדיג מיט: "אֱמוּנָה" אז איך האב דאך נאך יא א "תכלית" אויף דער וועלט.

און ממילא דאס זאגט אונז דא די פסוק גלייך אין די אנהייב פון די וואכעדיגע פרשה, אז דו זאלסט וויסן ר' יוד, אז: "וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם שְׁבַע עֶשְׂרֵה שָׁנָה" – אז יעקב אבינו האט נאך זוכה געווען צו לעבן אין מצרים נאך "זיבעצן גוטע יארן", און וויבאלד יעקב אבינו האט זיך מתגבר געווען אויף זיינע אלע צרות און שוועריקייטן וואס ער איז א דורך געגאנגען ביז אהער, און ער האט בכלל נישט געקוקט אויף דעם, ממילא וועגן דעם האט ער זוכה געווען איבער צו דרייען אלע זיינע אנדערע יארן [וואס לפי רוב קדושתו האט ער געמיינט אז עס איז געווען: "מְעַט וְרָעִים"].. צום גוט'ן.

און וועגן דעם טאקע שטייט דאך טאקע דא ווייטער אין פסוק דעם לשון אז: "וַיִּהְיוּ" יְמֵי יַעֲקֹב וגו', ווייל אפילו די יארן: "שעברו עליו בצער" זענען אויך צוריק אריין געקומען אין די חשבון פון די יארן פון "יעקב אבינו", און אפילו די אלע יארן: "שעברו עליו בצער" זענען אויך אריין גערעכנט געווארן אין די צאל פון די יארן וואס יעקב אבינו האט "געלעבט", און יא ר' יוד, אפילו די אלע יארן: "שעברו עליו בצער" זענען אויך פאר רעכנט געווארן פאר: "שְׁנֵי חַיָּיו" – אפילו די אלע יארן: "שעברו עליו בצער" זענען אויך פאר רעכנט געווארן פאר די יארן וואס יעקב אבינו האט "געלעבט".

אבער איין מינוט ר' יוד, פארוואס טאקע..?! פארוואס טאקע זענען די אלע יארן: "שעברו עליו בצער" אויך אריין גערעכנט געווארן אין די צאל פון די יארן וואס יעקב אבינו האט "געלעבט", די אלע יארן: "שעברו עליו בצער" זענען דאך לכאורה געווען אזעלכע ביטער'ע יארן..?! ניין..?!

אבער די תירוץ אויף דעם איז דאך, אז די סיבה פארוואס די אלע יארן: "שעברו עליו בצער" זענען אויך אריין גערעכנט געווארן אין די צאל פון די יארן וואס יעקב אבינו האט "געלעבט" איז, ווייל דורך דעם וואס עס איז געווען: "וַיְחִי" יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם שְׁבַע עֶשְׂרֵה שָׁנָה – ווייל דורך דעם וואס יעקב אבינו האט "געלעבט" אין דעם לאנד "מצרים", וועגן דעם איז נתהפך געווארן אפילו זיינע: "חַיֵּי צַעַר".. צום גוט'ן, און: "וַיִּהְיוּ" יְמֵי יַעֲקֹב – און אפילו די יארן וואס זענען געווען: "חַיֵּי צַעַר" ממש, זענען אויך איבער געדרייט געווארן צו: "שְׁנֵי חַיָּיו" – זענען אויך איבער געדרייט געווארן צו די חשבון פון די יארן וואס יעקב אבינו האט "געלעבט".

און ממילא וועגן דעם לייגט אונז דא די פסוק צו די ווערטער פון: "שְׁנֵי חַיָּיו", ווייל אויב עס וואלט נאר געשטאנען אין דעם פסוק דא אז יעקב אבינו האט געלעבט "הונדערט זיבן און פערציג יאר", דעמאלט'ס וואלטן דאך מענטשן געזאגט, אז וואס..?! וואס זאגסטו מיר דא..?! דו זאגס'ט מיר דא אז יעקב אבינו האט געלעבט "הונדערט זיבן און צוואנציג יאר"..?! יעקב אבינו האט דאך געהאט אזוי פיל צרות בשעת'ן לעבן, ווייל יעקב אבינו האט זיך דאך צוזאם געליטן א וועלט מיט צרות דורך אויס זיינע אלע יארן וואס ער האט געלעבט, ווייל יעקב אבינו האט דאך געהאט: "צָרַת עֵשָׂו", און: "צָרַת לָבָן", און: "צָרַת אֱלִיפָז", און: "צָרַת יוֹסֵף הַצַּדִּיק", און יעקב אבינו האט דאך נאך אויך געהאט אסאך אנדערע פארשידענ'ע סארטן צרות וואס ער האט זיך דאך צוזאם געליטן דורך אויס זיינע אלע יארן, און ממילא פרעג איך דיר ר' יוד, דאס הייסט דען "געלעבט"..?! אויך מיר "געלעבט", און אויך מיר א "לעבן".

און ממילא וועגן דעם לייגט אונז דא די פסוק צו די ווערטער: "שְׁנֵי חַיָּיו" פאר די פסוק זאגט וויל אונז זאגן וויפיל יאר יעקב אבינו האט געלעבט "אלעס צוזאמען", כדי אונז קלאר צו שטעלן דא, אז יא ר' יוד, דו זאלסט וויסן, אז יעקב אבינו האט געלעבט א הונדערט פראצענטיג'ע לעבן, ווייל יעקב אבינו האט זיך דאך שטענדיג "דער האלטן", און יעקב אבינו האט דאך שטענדיג "געלעבט"..! און יעקב אבינו האט דאך שטענדיג "געלעבט" מיט א אמת'ע: "שִׂמְחָה" טראץ דעם וואס עס איז איהם געגאנגען גאר גאר שווער.

ווייל יעקב אבינו האט דאך שוין גאנץ גוט געוואוסט, אז ווי לאנג איך לעב, קען איך דאך נאך דינען דעם הייליגן באשעפער, און עס איז דאך נישט פארהאן קיין גרעסער'ע: "שִׂמְחָה" ווי דאס אז א יודיש קינד קען טוהן: "מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים" און ארויס העלפן נאך א יודיש קינד וואס דארף א טובה, און עס איז דאך נישט פארהאן קיין גרעסער'ע: "שִׂמְחָה" ווי צו פאר שאפן א: "נַחַת רוּחַ" פארן הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים", ווייל מיט דעם קויפט איך זיך דאך איין: "עוֹלָם הַבָּא" – ווייל מיט דעם קויפט איך זיך דאך איין א אייביג'ע לעבן, און אויף יענע וועלט וועט דאך זיין מיין "אמת'ע לעבן", און דארטן אויף יענע וועלט וועט דאך מיר שוין גוט זיין: "לְעוֹלָם וָעֶד וּלְעוֹלְמֵי עַד וּלְנֵצַח נְצָחִים".

און ממילא יעצט פארשטייען מיר דאך שוין זייער גוט פארוואס עס שטייט דא אין פסוק דעם לשון אז: "וַיְחִי" יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם שְׁבַע עֶשְׂרֵה שָׁנָה – און ממילא יעצט פארשטייען מיר דאך שוין זייער גוט פארוואס עס שטייט דא אין פסוק דעם לשון אז יעקב אבינו האט "געלעבט" אין מצרים זיבעצן יאר, [און נישט אז: "וַיָּגָר" יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם שְׁבַע עֶשְׂרֵה שָׁנָה – און נישט אז יעקב אבינו האט "געוואוינט" אין מצרים זיבעצן יאר].

ווייל דורך דעם וואס יעקב אבינו האט זיך דאך שטענדיג "דער האלטן" און ער האט דאך שטענדיג "געלעבט" טראץ דעם וואס ער האט דאך שוין געהאלטן דא נאכן א דורך גיין אזוי פיל: "צָרוֹת" און: "יִסּוּרִים", ווי למשל: "צָרַת עֵשָׂו", און: "צָרַת לָבָן", און: "צָרַת אֱלִיפָז", און: "צָרַת יוֹסֵף הַצַּדִּיק", וכו' וכו' וכו', און ער האט "געלעבט" אין מצרים..! און ער האט זיך נישט נאך געלאזט נאך די אלע שווערקייטן: "שעברו עליו בצער", דורך דעם האט ער זוכה געווען איבער צו דרייען זיינע אלע אנדערע יארן: "שעברו עליו בצער" צום גוט'ן, און אפילו די יארן: "שעברו עליו בצער" זענען אויך גערעכנט געווארן צו די חשבון פון: "שְׁנֵי חַיָּיו" – און אפילו די יארן: "שעברו עליו בצער" זענען אויך גערעכנט געווארן צו די חשבון פון די יארן וואס יעקב אבינו האט "געלעבט".

ווייל: "הכל הולך אחר החתום" – ווייל אלעס ווערט דאך גערעכנט לויט דעם "סוף", און וויבאלד יעקב אבינו האט זיך "דער האלטן" טראץ דעם וואס ער האט שוין געהאלטן דא נאך אזוי פיל: "צָרוֹת" און: "יִסּוּרִים", האט ער דורך דעם זוכה געווען איבער צו דרייען זיינע אלע אנדערע יארן צו: "שְׁנֵי חַיָּיו" – האט ער דורך דעם זוכה געווען איבער צו דרייען זיינע אלע אנדערע יארן צו די חשבון פון די יארן וואס ער האט "געלעבט".

און מיר ווייסן דאך שוין טאקע אלע אויך זייער גוט, אז יעקב אבינו איז דאך ביז יעצט געווען ארום גענומען מיט כל מיני: "צָרוֹת" און: "יְסוּרִים", און דער הייליגער תורה הק' איז דאך שוין טאקע אליין מעיד אויף יעקב אבינו אין פרשת וישב, אז: "ביקש יעקב לישב בשלוה" – אז ווי נאר יעקב אבינו האט געוואלט האבן אביסעל'ע "מנוחה" פון זיינע אלע שוועריקייטן און פון די אלע: "מִצְרַיִם" וואס זענען אריבער געגאנגען אויף איהם, איז דעמאלט'ס: "מיד קפץ עליו רוגזו של יוסף" – האט ער דעמאלט'ס גלייך באקומען א פריש'ע צרה וואס האט געהייסן: "צָרַת יוֹסֵף הַצַּדִּיק".

אבער.. יעקב אבינו האט זיך אבער בכלל נישט נאך געלאזט פון די אלע שווערע: "מְצָרִים" וואס ער איז א דורך געגאנגען דא [טראץ דעם וואס ער איז דאך שוין געווען דא אזוי אלט און שוואך], נאר ער האט דא אפ געמאכט ביי זיך, אז איך "לעב" אין "מצרים" – אז איך "לעב" אין מיינע: "מְצָרִים"..! און איך וועל ווייטער לעבן א ערליכע הייליגע אפ געהיטענ'ע יודישע לעבן טראץ דעם וואס איך בין ארום גענומען מיט כל מיני: "מְצָרִים" פון אלע זייטן, און איך וועל ווייטער לעבן א ערליכע הייליגע אפ געהיטענ'ע יודישע לעבן טראץ דעם וואס איך בין ארום גענומען מיט כל מיני שוועריקייטן פון אלע זייטן, און איך וועל ווייטער לעבן א ערליכע הייליגע אפ געהיטענ'ע יודישע לעבן טראץ דעם וואס איך בין ארום גענומען מיט אזא שרעקליכ'ע "טומאת מצרים".

ווייל איך בין דאך "יעקב אבינו"..! און דו ווייסט וואס די יסוד פון "יעקב אבינו" איז..?! איך וועל דיר זאגן וואס די יסוד פון "יעקב אבינו" איז, די יסוד פון יעקב אבינו איז דאך, אז: "עֵקֶב יו"ד" – אז איך וועל זיך "דער האלטן" טראץ דעם וואס איך בין אינגאנצן צו קלאפט און אינגאנצן צו טרויטן, און יא ר' יוד, איך וועל ווייטער בלייבן א ערליכע יוד טראץ דעם וואס איך בין אינגאנצן צו קלאפט און אינגאנצן צו טרויטן ווי ביליגע שטויב פון די פוס, און די ווארט: "יַעֲקֹב" איז דאך טאקע בעצם צוזאם געשטעלט פון די צוויי ווערטער: "עֵקֶב יו"ד", ווייל יא ר' יוד, דאס איז דאך די יסוד פון א "יודיש קינד", אז וואס..?! אז מען דער האלט זיך אויף די אייגענ'ע פוס טראץ דעם וואס מען איז אינגאנצן צו קלאפט און אינגאנצן צו טרויטן ביי זיך אין הארץ.

און יעקב אבינו האט דאך שוין טאקע דא אויך געזאגט פאר זיינע טייערע הייליגע קינדער, אז וויסן זאלט עטץ, אז דאס איז דאך בעצם אויך די יסוד ווי אזוי א יודיש קינד וועט זיך קענען דער האלטן אין דעם שווער'ן ביטער'ן: "גָלוּת אֱדוֹם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים", און עס שטייט דאך שוין טאקע אויך בפירוש אין פסוק אין די וואכעדיגע פרשה (קפיטל מ"ט פסוק א'), אז: וַיִּקְרָא "יַעֲקֹב" אֶל בָּנָיו וגו' – אז "יעקב אבינו" האט דא גערופן צו זיינע אלע הייליגע: "שִׁבְטֵי יָ-הּ", און עס שטייט דאך נישט אין פסוק דא דעם לשון אז: וַיִּקְרָא "יִשְׂרָאֵל" אֶל בָּנָיו וגו' אזוי ווי עס שטייט גלייך פאר דעם צוויי פסוקים פריער אז: וַיֹּאמֶר "יִשְׂרָאֵל" אֶל יוֹסֵף הִנֵּה אָנֹכִי מֵת וגו', נאר עס שטייט דא אין פסוק דעם לשון, אז: וַיִּקְרָא "יַעֲקֹב" אֶל בָּנָיו וגו' – אז "יעקב אבינו" האט דא גערופן צו זיינע אלע הייליגע: "שִׁבְטֵי יָ-הּ".

ווייל יעקב אבינו האט דאך דא געוואלט מרמז זיין מיט דעם פאר זיינע אלע הייליגע ליכטיגע קינדער, אז וויסן זאלט עטץ מיינע טייערע הייליגע ליכטיגע קינדער, אז: "אֵת" – אז דער ענין פון: "יַעֲקֹב" – אז דער ענין אז א יודיש קינד וועט זיין אינגאנצן "צו קלאפט" און אינגאנצן "צו טרויטן" ביי זיך.. דאס איז א זאך וואס: "אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים" – דאס איז א זאך וואס וועט פלוצלונג פאסירן צו אייך: "בְּאַחֲרִית הַיָּמִים" – דאס איז א זאך וואס וועט פלוצלונג פאסירן צו אייך אין די צייט וואס ווערט אָן גערופן: "עקבתא דמשיחא".

און יא מיינע טייערע ליכטיגע קינדער, וויסן זאלט איר, אז די ענין פון: "יַעֲקֹב" – אז די ענין פון: "עֵקֶב יו"ד" איז א זאך וואס וועט פלוצלונג פאסירן צו אייך: "בְּאַחֲרִית הַיָּמִים", און איר וועט נישט זיין גרייט אויף דעם, און איר וועט דאך דעמאלט'ס אלע פלוצלונג אָן הייבן צו שפירן אזא "צו קלאפט'קייט" ביי זיך, און איר וועט דאך דעמאלט'ס אלע פלוצלונג אָן הייבן צו שפירן אזא "צובראכנ'קייט" ביי זיך, און:

"וַיֹּאמֶר אֲבִינוּ" – און יעקב אבינו האט דעמאלט'ס געזאגט פאר זיינע קינדער, אז ווען: "שֻׁבוּ" – אז ווען עס וועט שוין אָן קומען די צייט פון: "בְּשׁוּב" יהו-ה שְׁבוּת עַמּוֹ – אז ווען עס וועט שוין אָן קומען די צייט וואס דער אייבערשטער וועט שוין דארפן צוריק קערן זיין: "שֶׂה פְזוּרָה נִדָּחָה" קיין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", און עס וועט דאך שוין דעמאלט'ס דארפן מקיום ווערן דעם פסוק פון: "שָׁב" יהו-ה אֶת שְׁבוּת יַעֲקֹב, און עס וועט דאך שוין דעמאלט'ס דארפן מקיום ווערן דעם פסוק פון: וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ "בְּשׁוּבְךָ" לְצִיּוֹן בְּרַחֲמִים, דעמאלט'ס: "שִׁבְרוּ לָנוּ" – דעמאלט'ס וועט מען זיך דאך פשוט דארפן "צוברעכן" פאר: "מְעַט אֹכֶל" – דעמאלט'ס וועט מען זיך דאך פשוט דארפן "צוברעכן" פאר אביסעל'ע "ברויט", ווייל עס וועט דאך דעמאלט'ס הערש'ן אזא צובראכנ'קייט אין יודישע הערצער.

און די ווארט: "אֹכֶל" – איז דאך גימטריא: "יהו-ה יהו-ה" [מיטן כולל], ווייל יא ר' יוד, אין די צייט פון: "עקבתא דמשיחא" וועט מען זיך דאך דארפן "צוברעכן" פאר אביסעל'ע: "אֹכֶל" – אין די צייט פון: "עקבתא דמשיחא" וועט מען זיך דאך דארפן "צוברעכן" פאר אביסעל'ע: "קִרְבַת אֱלֹקִים", ווייל עס וועט דאך דעמאלט'ס זיין גאר גאר גרויסע נסיונות וואס וועלן "צוברעכן" גאנץ כלל ישראל, פון גרויס ביז קליין, און עס וועט דאך דעמאלט'ס ממש הערש'ן אזא צו קלאפט'קייט אין יודישע הערצער, און עס וועט דאך דעמאלט'ס זיין ביטער שווער זיך צו קענען "דער האלטן".

און דער גרויסער הייליגער צדיק "יעקב אבינו" האט דא ווייטער געזאגט פאר זיינע טייערע הייליגע ליכטיגע קינדער, אז ענק ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז די נאמען: "יַעֲקֹב" ווייזט דאך אויף דעם ענין פון: "עֵקֶב יו"ד" – די נאמען: "יַעֲקֹב" ווייזט דאך אויף דעם ענין אז א יודיש קינד איז אינגאנצן "צו קלאפט" און אינגאנצן "צו טרויטן" ביי זיך, אבער משא"כ די נאמען: "יִשְׂרָאֵל" ווייזט דאך אויף דעם ענין פון: "כִּי שָׂרִיתָ עִם אֱלֹהִים וְעִם אֲנָשִׁים וַתּוּכָל" – אבער משא"כ די נאמען: "יִשְׂרָאֵל" ווייזט דאך אויף דעם ענין פון זיין א "העלד".

און ממילא דאס האט דא יעקב אבינו געזאגט פאר זיינע הייליגע: "שִׁבְטֵי יָ-הּ", אז: "הִקָּבְצוּ וְשִׁמְעוּ" – אז נעמט'ס ענק אלע צוזאמען, און חזרט'ס ענק אלע גוט איין דעם געדאנק, אז וואס..?! אז בשעת ווען ענק שפירן ביי ענק אז ענק זענען: בְּנֵי "יַעֲקֹב" – אז בשעת ווען ענק שפירן ביי ענק אז ענק זענען דאך שוין נעבעך אינגאנצן "צו קלאפט" און אינגאנצן "צו טרויטן" פון די אלע שווועריקייטן וואס גייען נעבעך א דורך אויף ענק, דארף דאך דעמאלט'ס גלייך ארויף קומען ביי ענק דעם געדאנק פון: וְשִׁמְעוּ אֶל "יִשְׂרָאֵל" אֲבִיכֶם, און ענק דארפן זיך דאך דעמאלט'ס גלייך דערמאנען אז ענק זענען דאך: "יִשְׂרָאֵלִים" – און ענק דארפן זיך דאך דעמאלט'ס גלייך דערמאנען אז ענק זענען דאך "גרויסע העלד'ן", און ענק קענען דאך אין אמת'ן יא מנצח זיין דעם שווער'ן "מלחמת היצר".

און אויב ענק וועלן זיך אלע מחזק זיין בשעת ווען ענק געפונען זיך אין א צו קלאפט'ע מצב פון: "יַעֲקֹב" אז ענק זענען דאך אין אמת'ן גאר "גרויסע העלד'ן", וועט דאך דאס צו ברענגען די גרויסע: "גְּאוּלָה שְׁלֵמָה", ווייל: "אָז תִּתְחַזֵּק" – ווייל אויב דו וועסט זיך פראבירן מחזק צו זיין בשעת ווען דו געפונס'ט זיך אין א שווערע מצב, דעמאלט'ס: "וְתִתְרַפֵּא" – דעמאלט'ס וועסטו זוכה זיין אויס געהיילט צו ווערן פון דיין שווערע צרה וואו דו געפונס'ט זיך יעצט, און: "וְהָיְתָה לָּהּ שִׂמְחַת עוֹלָם" – און עס וועט דאך שוין דעמאלט'ס אויך קומען גאר א גרויסע: "שִׂמְחַת עוֹלָם" פאר גאנץ כלל ישראל, און פאר די גאנצע וועלט, ווייל עס וועט דאך שוין דעמאלט'ס אָן קומען די גרויסע: "גְּאוּלָה שְׁלֵמָה".

און מיר האלטן דאך שוין טאקע יעצט אלע נאך דעם גרויסן הייליגן יום טוב: "חֲנוּכָּה", און מיר האבן דאך שוין טאקע אלע אויך דערמאנט אין די הייליגע: "חֲנוּכָּה" טעג "דעם געדאנק" וואס מיר רעדן דא יעצט, ווייל מיר האבן דאך שוין אלע געבעטן דעם הייליגן באשעפער אין די הייליגע: "חֲנוּכָּה" טעג, אז: "חֲשׂוֹף זְרוֹעַ קָדְשֶׁךָ" – אז דער אייבערשטער זאל אונז שוין באווייזן זיין שטארקע האנט און אונז אויס לייזן פון דעם שווער'ן ביטער'ן: "גָלוּת אֱדוֹם" וואו מיר געפונען זיך יעצט.

און די ווערטער: "חֲשׂוֹף זְרוֹעַ קָדְשֶׁךָ" – איז דאך טאקע אויך ראשי תיבות: "חֲזַק" – שטארק זיך ר' יוד..! ווייל יא ר' יוד, מיר ווילן זיך דא אלע איין דערמאנען און מרמז זיין מיט דעם, אז אויב דו ווערסט זיך "דער האלטן" טראץ דעם וואס דו געפונס'ט זיך שוין אזוי לאנג אין דעם שווער'ן ביטער'ן: "גָּלוּת אֱדוֹם", דעמאלט'ס ביזטו פאר זיכער'ט אז אט אט אט.. וועט דאך שוין טאקע בקרוב מקוים ווערן דעם: "וְקָרֵב קֵץ הַיְשׁוּעָה", און דער אייבערשטער וועט דאך אונז שוין טאקע אלע בקרוב ממש אויס לייזן פון דעם שווער'ן ביטער'ן: "גָּלוּת אֱדוֹם", און: "וְהוּא יוֹלִיכֵנוּ קוֹמְמִיּוּת לְאַרְצֵנוּ" – און ער וועט דאך אונז שוין טאקע אלע בקרוב ממש פירן מיט א שטארקע האנט קיין: "אַרְצֵנוּ הַקְדוֹשָׁה".

ווייל יא ר' יוד, דאס איז די שליסל וואס וועט ברענגען די גרויסע: "גְאוּלָה שְׁלֵמָה", וואס איז די שליסל וואס וועט ברענגען די גרויסע: "גְאוּלָה שְׁלֵמָה"..?! און די תירוץ אויף דעם איז דאך, אז די שליסל וואס וועט ברענגען די גרויסע: "גְאוּלָה שְׁלֵמָה" איז דאך, דאס אז מיר וועלן זיך אלע "דער האלטן" טראץ דעם וואס מיר זענען אינגאנצן צו קלאפט און אינגאנצן צו טרויטן פון די שרעקליכ'ע: "צָרוֹת" און: "יְסוּרִים" וואס גייען א דורך אויף אונז, און דאס אז מיר וועלן אלע ווייטער פראבירן צו "לעבן" א ערליכע יודישע אפ געהיטענ'ע לעבן אזוי ווי אונזער הייליגע זיידע יעקב אבינו האט געלעבט אין דעם טמא'נעם לאנד "מצרים" בשעת ווען ער האט דאך שוין געהאלטן נאכן א דורך גיין אזוי פיל: "צָרוֹת" און: "יְסוּרִים".

און ממילא דאס דארפן מיר אלע גוט געדענקען, אז וואס..?! אז יא ר' יוד, דו זאלסט וויסן אז: "וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם שְׁבַע עֶשְׂרֵה שָׁנָה" – דו זאלסט וויסן אז די פאר צרה'טע יעקב אבינו האט נאך אָן געיאגט צו "לעבן" אין דעם טמא'נעם לאנד מצרים "זיבעצן גוטע יארן", און די זיבעצן גוטע יארן האט איבער געדרייט אלע זיינע שווערע יארן צום גוט'ן, און אפילו זיינע שווערע יארן זענען אויך צו געלייגט געווארן צו די רשימה פון די יארן וואס יעקב אבינו האט "געלעבט", איי פארוואס..?! די תירוץ אויף דעם איז, ווייל יעקב אבינו האט זיך דאך "דער האלטן", און ער האט נישט אויף געגעבן ווען ער האט זיך געזעהן ארום גענומען מיט: "צָרַת עֵשָׂו" און מיט: "צָרַת לָבָן" און מיט: "צָרַת אֱלִיפָז" און מיט: "צָרַת יוֹסֵף הַצַּדִּיק".

נאר יעקב אבינו האט דאך דעמאלט'ס געזאגט אזוי, אז אויב דער אייבערשטער האט מיר געזאגט אז: "אַל תִּירָא מֵרְדָה מִצְרַיְמָה" וגו' – אז אויב דער אייבערשטער האט מיר געזאגט אז איך זאל נישט מורא האבן פון אראפ גיין קיין מצרים, דעמאלט'ס האב איך: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן באשעפער וואס איז דאך דער גרעסט'ער: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב" און איך גיי אראפ קיין מצרים, און איך וועל דארטן אָן הייבן א פריש'ן בלעט'ל, און איך וועל דארטן אָן הייבן צו דינען דעם הייליגן באשעפער מיט א פרייליכ'ע פריש'קייט: "לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא" טראץ דעם וואס איך זעה ברוח הקודש אז מיינע קינדער גייען דא א דורך גיין א אום דער טרעגליכ'ע שרעקליכ'ע: "עבודת פרך המפרכת את הגוף ומשברתו".

און דו ווייסט פארוואס איך גיי יעצט אראפ קיין "מצרים"..?! ווייל איך האב דאך: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָחוֹן" אין דעם הייליגן באשעפער וואס: "מֵאִתּוֹ לֹא תֵצֵא הָרָעוֹת" אז ער ווייסט וואס ער טוט, און יא ר' יוד, איך וועל דא יעצט נאך אמאל אָן הייבן צו דינען דעם הייליגן באשעפער מיט א פרייליכ'ע פריש'קייט טראץ דעם וואס איך זעה ברוח הקודש אז מיינע קינדער גייען דא א דורך גיין א אום דער טרעגליכ'ע שרעקליכ'ע שווערע ביטער'ע "גלות מצרים".

ווייל מיין ארבעט איז דאך נאר איין זאך, און דאס איז דאך, אז: "בְּטַח בַּיהו-ה" – אז איך דארף זיך דאך נאר פארלאזן אויפן אייבערשטן, און: "וַעֲשֵׂה טוֹב" – און איך דארף נאר טוהן ווייטער גוט'ס, און איך דארף נאר ווייטער פראבירן צו דינען דעם הייליגן באשעפער, און יא ר' יוד, דו זאלסט וויסן, אז: "שְׁכָן אֶרֶץ" – אז דו קענסט אפילו וואוינען אין דעם טמא'נעם: "אֶרֶץ מִצְרַיִם".. און אפילו הכי קענסטו אבער נאך אלץ זיין א בחינה פון: "וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם", אבער עס איז נאר דא איין וויכטיגע תנאי קודם למעשה, און דאס איז, אז: "וּרְעֵה אֱמוּנָה" – אז דו דארפס'ט זיך "פאשע'נען" אין: "אֱמוּנָה" בשעת ווען דו

געפונס'ט זיך אין דיינע שווערע: "מְצָרִים", ווייל ניין ר' יוד, אין מצרים איז נישט געגוג אז דו ווערסט האבן אביסעל'ע: "אֱמוּנָה", ניין ניין ניין, אין מצרים מוזטו זיין "אָן געפאשע'ט" מיט: "אֱמוּנָה" פון קאפ ביז פוס, ווייל בשעת ווען א יודיש קינד געפונט זיך אין א שווערע פינסטער'ע גלות ארום גענומען מיט כל מיני שווערע ווייטאג'ן און: "מְצָרִים", דארף ער דאך דעמאלט'ס זיין "אָן געפאשע'ט" מיט: "אֱמוּנָה" פון קאפ ביז פוס..!

און וויבאלד יעקב אבינו האט דאס אלעס געוואוסט, ממילא וועגן דעם איז ער אראפ געגאנגען קיין מצרים מיט א זיכער'ע: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָּחוֹן" אין דעם הייליגן באשעפער וואס טוט דאך נאר גוט'ס פאר זיינע טייערע יודישע קינדערלעך, און ער האט דאך טאקע דעמאלט'ס נאך אמאל אָן געהויבן א נייע פריש'ע התחלה צו דינען דעם הייליגן באשעפער מיט א פרייליכ'ע פריש'קייט: "לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא", און ער האט זיך נישט וויסנ'דיג געמאכט פון די אלע: "צָרוֹת" און: "יְסוּרִים" וואס זענען א דורך געגאנגען אויף איהם.

נאר ער האט דעמאלט'ס געזאגט אזוי, אז טראץ דעם וואס: "כָּל מִשְׁבָּרֶיךָ וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ", גלייב איך אבער נאך אלץ: "בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה" אז דאס איז אלעס געווען: "יוֹמָם" – גלייב איך אבער נאך אלץ: "בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה" אז דאס איז אלעס געווען "טאג" – ליכטיגע צייטן, ווייל: "יְצַוֶּה יהו-ה חַסְדּוֹ" – ווייל אין אמת'ן שיקט דאך דער אייבערשטער שטענדיג נאר: "חֲסָדִים" פאר א מענטש, און ממילא פארוואס דארף איך דעמאלט'ס זיין "צובראכן"..?! עס איז דאך אלעס בלויז: "חֲסָדִים וְרַחֲמִים מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ".

און דער הייליגער שפת זאגט דאך אונז שוין טאקע אויך בפירוש אין די וואכעדיגע פרשה, וזלה"ק, אז: "אין רע יורד משמים" – אז עס נידער'ט דאך קיינמאל נישט אראפ אויף דער וועלט קיין שום שלעכט'ס..! און ממילא פארוואס זאל איך דעמאלט'ס זיין "צובראכן"..?! עס איז דאך אלעס בלויז "גוט'ס"..?! און עס איז דאך אלעס בלויז: "חֲסָדִים וְרַחֲמִים מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ"..?! און דאס וואס עס זעהט אויס "שלעכט'ס" איז דאך נאר איין גרויסע: "הֶסְתֵּר", אבער אין אמת'ן איז דאס דאך בלויז "גוט'ס", און ממילא פארוואס זאל איך זיך דעמאלט'ס דערשרעקן פון די אלע צרות וואס גייען א דורך אויף מיר..?!

און עס איז דאך טאקע אויך כדי צו דערמאנען דא ביי דעם געלעגענהייט, אז עס ווערט דאך שוין טאקע אויך געברענגט אין דעם הייליגן שפת אמת די וואך אין די פרשה, אז יעקב אבינו האט דאך שוין גאנץ גוט געוואוסט ביי זיך אז עס גייט דאך דא יעצט קומען גאר גאר א שווערע לאנגע "גלות מצרים", אבער יעקב אבינו האט דאך שוין אויך גאנץ גוט געוואוסט ביי זיך בידיעה ברורה, אז די גאנצע גלות איז דאך בלויז איין גרויסע: "שֶׁקֶר", און די גאנצע גלות איז דאך אין אמת'ן בלויז א פאלטש'ע זאך, און עס איז דאך בעצם בכלל נישט קיין אמת'ע זאך, נאר עס איז איין גרויסע: "הֶסְתֵּר" וואס זעהט אויס שלעכט פון אויבן אויף, אזוי ווערט געברענגט אין דעם הייליגן שפת אמת די וואך אין די פרשה.

און די גאנצע גלות איז דאך ממש דומה צו דאס וואס מיר וועלן דא יעצט פארציילן, ווייל לאמיר דיר נאר פרעגן ר' יוד אזא שאלה, אויב דיין חבר וועט זיך פאר שטעלן: "פּוּרִים" ווי א "שרעקעדיגע בער", וועסטו דעמאלט'ס מורא האבן צו צו גיין צו דיין חבר..?! און די תירוץ אויף דעם איז דאך, אז.. ניין, אוודאי וועסטו נישט מורא האבן צו צו גיין צו דיין חבר, ווייל דו ווייסט דאך שוין קלאר ביי דיר אין הארץ אז דיין חבר איז דאך נאר "פאר שטעלט" ווי א "בער", אבער אין אמת'ן איז דאך די גאנצע בער איין גרויסע: "שְׁטוּת", אבער וואס וועט אבער זיין אויב דיין חבר וועט זיך נעמען מאכן שרעקליכ'ע קולות ממש אזוי ווי א אמת'ע "בער" און ער וועט זיך דעמאלט'ס נעמען מאכן משונה'דיגע קולות ממש אזוי ווי א "אמת'ע בער"..?! וואס וועסטו דעמאלט'ס זאגן..?! צו דען וועסטו שוין דעמאלט'ס זאגן אז אוי ווייי.. איך הייב שוין אָן צו טראכטן אז דאס איז דאך טאקע באמת א "אמת'ע בער"..?! אדער נישט..?!

און די תירוץ אויף דעם איז דאך, אז.. ניין, דו וועסט נישט זאגן דעמאלט'ס אז איך הייב שוין אָן צו טראכטן אז דאס איז דאך טאקע א "אמת'ע בער", נאר דו וועסט דאך דעמאלט'ס גלייך זאגן, אז יא.. "מיין חבר קען זיך גוט מאכן", און אוי איז ער גוט מיין חבר, ווייל מיין חבר קען זיך דאך "גוט" מאכן ממש אזוי

ווי א אמת'ע בער, און יא.. מיין חבר איז דאך טאקע מורא'דיג, ווייל ער מאכט דאך דא ממש נאך א "אמת'ע בער", אבער עס וועט דאך דיר נישט איין פאלן דעמאלט'ס פאר קיין איין רגע צו טראכטן אז דאס איז דאך טאקע באמת א "אמת'ע בער", זאל זיין: "יהיה מה שיהיה" – זאל דיין חבר מאכן קולי קולות צוזאמען מיט משונה'דיגע תנועות, אבער דו וועסט קיינמאל נישט זאגן אז אוי וויי.. איך הייב שוין אָן צו טראכטן אז דאס איז דאך טאקע באמת א "אמת'ע בער".

ווייל אויב דו ווייסט פאר א פאקט אז דער בער דא איז דאך נישט קיין אמת'ע בער, און אויב דו ווייסט פאר א פאקט אז דער שרעקעדיג'ער בער דא איז דאך נאר א "פארשטעלאכטץ", וועסטו דאך דעמאלט'ס קיינמאל נישט מורא האבן פון דעם גרויסן שרעקעדיג'ן בער, ווייל דו ווייסט דאך שוין זייער גוט ביי דיר אין הארץ פאר א פאקט אז דער גרויסער בער דא איז דאך דיין בעסטע "חבר" וואס האט זיך דאך נאר "פאר שטעלט" ווי א בער.

און מיר ווייסן דאך שוין אלע אויך זייער גוט, אז די ווארט: "אֱמֶת" קען דאך נאר ארויף גיין אויף א זאך וואס איז: "נצחי" – די ווארט: "אֱמֶת" קען דאך נאר ארויף גיין אויף א זאך וואס האט נישט קיין "סוף", אבער די "גלות" איז דאך א זאך וואס מוז דאך האבן א: "קֵץ" – די "גלות" איז דאך א זאך וואס מוז דאך האבן א "סוף", און אזא סארט זאך וואס מוז האבן א "סוף" קען דאך נישט זיין קיין "אמת'ע זאך", און אויב די "גלות" איז נישט קיין אמת'ע זאך, דעמאלט'ס גייט עס נישט "ווערן" קיין: "שֶׁקֶר" ווען עס גייט זיך "ענדיגן", נאר עס איז שוין יעצט: "שקר מעיקרא", און יא ר' יוד, די גאנצע גלות הייסט שוין "יעצט" איין גרויסע: "שֶׁקֶר", און די גאנצע גלות איז דאך שוין "יעצט" נישט קיין אמת'ע זאך, ווייל א זאך וואס ענדיגט זיך קען דאך נישט זיין קיין אמת'ע זאך.

און ממילא די ווערטער: "ביקש יעקב לגלות את הקץ" מיינט דאך נישט ממש צו זאגן אז יעקב אבינו האט דא געוואלט אויס זאגן פאר זיינע קינדער "ווען משיח וועט קומען", נאר די ווערטער: "ביקש יעקב לגלות את הקץ" מיינט צו זאגן, אז: "ביקש יעקב לגלות" – אז יעקב אבינו האט דא געוואלט קלאר מאכן פאר זיינע קינדער, אז: "את הקץ" – אז די גלות גייט זיך דאך "ענדיגן" איין שיינעם טאג, און אויב די גלות גייט זיך דאך "ענדיגן" איין שיינעם טאג, דעמאלט'ס איז דאך עס שוין "יעצט" איין גרויסע: "שֶׁקֶר", און אויב די גלות גייט זיך דאך "ענדיגן" איין שיינעם טאג, דעמאלט'ס איז דאך עס שוין "יעצט" איין גרויסע פאלטש'ע זאך, און עס איז שוין "יעצט" איין גרויסע "פארשטעלאכטץ".

ווייל טיף אין דעם שווער'ן גלות ליגט דאך באהאלטן דער גרויסער רחמנות'דיגער: "אָבִינוּ אָב הָרַחֲמָן" וואס טוט דאך נישט קיין שום שלעכט'ס פאר קיינעם, ווייל עס קומט דאך נישט אראפ קיין שום שלעכט'ס פון הימל, אזוי ווי דער הייליגער שפת אמת זאגט דאך אונז שוין טאקע קלאר בפירוש אין די וואכעדיגע פרשה, אז: "אין רע יורד משמים" – אז עס נידער'ט דאך קיינמאל נישט אראפ אויף דער וועלט קיין שום שלעכט'ס..! נאר: "והוא רק הסתר" – נאר די גאנצע "שלעכט'ס" איז דאך נאר איין גרויסע: "הֶסְתֵּר פָּנִים", און ממילא: "ולכן יש לו סוף וקץ" – און ממילא וועגן דעם האט דאך דאס טאקע א "סוף" און א "ענד'ע".

ווייל מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז: "שֶׁקֶר אֵין לוֹ רַגְלַיִם" – אז: "שֶׁקֶר" האט דאך נישט קיין שום "קיום", און: "שֶׁקֶר" קען זיך דאך נישט האלטן, און ממילא די גאנצע "גלות" קען זיך דאך אויך נישט האלטן, ווייל די גאנצע גלות האט דאך א "סוף", און אויב האט עס א "סוף", דעמאלט'ס איז דאך דאס שוין "יעצט" איין גרויסע: "שֶׁקֶר", ווייל עס האט דאך א "סוף".

און ממילא דאס האט דא יעקב אבינו געוואלט קלאר מאכן פאר זיינע קינדער, אז עטץ זאלט'ס וויסן מיינע טייערע הייליגע ליכטיגע קינדער, אז די גאנצע "גלות" איז דאך נישט מער ווי איין גרויסע: "שֶׁקֶר" – די גאנצע "גלות" איז דאך נישט מער ווי איין גרויסע פאלטש'ע זאך, און די גאנצע "גלות" איז דאך בעצם

בכלל נישט קיין אמת'ע זאך, און והא ראי', ווייל די "גלות" האט דאך א: "קֵץ" – ווייל די "גלות" האט דאך א "סוף", און אויב האט עס א "סוף", דעמאלט'ס איז דאך דאס שוין "יעצט" איין שטיק: "שֶׁקֶר".

אבער פון הימל האט מען דאך אבער נישט געוואלט אז יעקב אבינו זאל אויס זאגן דעם גרויסן סוד פאר זיינע קינדער אז די גאנצע גלות איז דאך נישט מער ווי איין גרויסע: "שֶׁקֶר", ווייל אויב מיר וואלטן אלע געוואוסט בידיעה ברורה אז די גאנצע גלות איז דאך נישט קיין אמת'ע זאך, דעמאלט'ס וואלט דאך נישט געווען קיין שום קונץ נישט מורא צו האבן פון דעם שווער'ן גלות, און עס וואלט דאך שוין נישט געווען דעמאלט'ס קיין שום "גלות" פאר קיין שום יוד, ווייל די גאנצע גלות וואלט דאך דעמאלט'ס אויס געזעהן אזוי ווי איין גרויסע פאר שטעלט'ע מענטש וואס האט זיך פאר שטעלט אזוי ווי א שרעקעדיגע בער, און אויב די גלות וואלט געשריגן אויף דיר און דיר דערשראקן אזוי ווי א בער דערשרעקט א מענטש, וואלסטו דאך איהם דעמאלט'ס גלייך צוריק געשריגן אזוי ווי א קליין קינד שרייט אָן א קליינע פייגעל'ע וואס לויפט אנטקעגן איהם, ווייל דו וואלס'ט דאך שוין דעמאלט'ס גאנץ גוט געוואוסט ביי דיר אויף זיכער אז די גאנצע גלות איז דאך נישט קיין אמת'ע זאך.

אבער דער הייליגער באשעפער האט דאך אבער יא געוואלט אז די "גלות" זאל זיין א געוויסע "גלות" אויף דער וועלט, און ממילא וועגן דעם האט ער נישט צו געלאזט אז יעקב אבינו זאל אויס זאגן פאר זיינע קינדער אז די גאנצע גלות איז נישט מער ווי איין גרויסע: "שֶׁקֶר".

אבער דער הייליגער שפת אמת זאגט דאך אונז שוין דא ווייטער נאך א וויכטיגע נקודה, ווייל דער הייליגער שפת אמת זאגט דאך אונז שוין דא אויך ווייטער, אז וויסן זאלסטו ר' יוד, אז אין אמת'ן האט דאך יעקב אבינו "יא" אויס געזאגט דעם גרויסן סוד פאר זיינע קינדער אז די גאנצע גלות איז דאך אין אמת'ן נישט מער ווי איין גרויסע: "שֶׁקֶר", אבער.. ער האט דאס נאר אויס געזאגט אויף א אופן אז מען זאל זיך מוזן אסאך אסאך פלאגן כדי צו קענען צו קומען צו די הכרה אז די גאנצע "גלות" איז נישט מער ווי איין גרויסע: "שֶׁקֶר", און יא ר' יוד, מען וועט זיך מוזן אסאך אסאך פלאגן כדי צו קענען צו קומען צו די הכרה אז די גאנצע "גלות" איז דאך בעצם נישט קיין אמת'ע זאך.

און ממילא די סיבה פארוואס יעקב אבינו האט געוואלט מגלה זיין פאר זיינע קינדער אז די גלות איז איין גרויסע: "שֶׁקֶר" איז, ווייל יעקב אבינו האט דאך געהאלטן ביי זיך אז מען מוז אויס זאגן די: "אֱמֶת" פאר די הייליגע: "שִׁבְטֵי יָ-הּ" אז די גאנצע גלות וואס זיי גייען דא א דורך גיין איז דאך בעצם נישט מער ווי איין גרויסע: "שֶׁקֶר", און יא ר' יוד, יעקב אבינו האט געשפירט ביי זיך אז ער מוז דאס אויס זאגן פאר זיינע קינדער, ווייל יעקב אבינו האט דאך נישט געקענט דער ליידן קיין: "שֶׁקֶר", ווייל: "תִּתֵּן אֱמֶת לְיַעֲקֹב" – ווייל יעקב איז דאך געווען איין שטיק: "אֱמֶת", און די "גלות" איז דאך איין שטיק: "שֶׁקֶר", און ממילא "יעקב אבינו" איז געווען א פשוט'ע סתירה מיט די "גלות", און ממילא וועגן דעם האט יעקב אבינו געוואלט אויס זאגן פאר זיינע קינדער דעם גרויסן סוד אז די גאנצע גלות וואס זיי גייען דא א דורך גיין איז דאך בעצם נישט מער ווי איין גרויסע: "שֶׁקֶר".

אבער פון הימל האט מען דאך אבער נישט געוואלט אז יעקב אבינו זאל אויס זאגן פאר זיינע קינדער אז די גאנצע גלות איז נישט מער ווי איין גרויסע: "שֶׁקֶר", ווייל פון הימל איז דאך געווען א גזירה אז עס זאל יא זיין א געוויסע סארט "גלות" אויף דער וועלט, און אויב א יעדער איינער וועט וויסן בידיעה ברורה אז די גאנצע "גלות" איז דאך בעצם איין גרויסע "גארנישט", וועט דאך נישט זיין דעמאלט'ס קיין שום "גלות" אויף דער וועלט, ווייל א יעדער איינער וועט דאך שטענדיג זאגן פאר אלע זיינע צרות וואס ער גייט אריבער אז "וואס ביזטו"..?! דו ביזט דאך איין גרויסע "גארנישט", ווייל אונטער דיר ליגט דאך באהאלטן דער גרויסער: "אָבִינוּ אָב הָרַחֲמָן" וואס איז דאך די מקור פון גוט'ס קייט, און אויב די צרה וואלט דיר דעמאלט'ס געפרעגט אז "ווער האט דיר דאס אויס געזאגט" – און אויב די צרה וואלט דיר דעמאלט'ס געפרעגט אז ווער האט דיר אויס געזאגט אז די גאנצע גלות איז דאך בעצם נישט מער ווי איין

גרויסע: "הֶסְתֵּר פָּנִים"..?! ווייסטו דאך איהם דעמאלט'ס גלייך ענטפער'ן, אז וואס הייסט ווער האט מיר דאס אויס געזאגט..?! אונזער הייליגע זיידע "יעקב אבינו", און ממילא גיי קריג זיך מיט אונזער הייליגע זיידע "יעקב אבינו", און עס וואלט דאך נישט געווען דעמאלט'ס קיין שום "גלות" אויף דער וועלט.

און ממילא וועגן דעם: "ונסתם ממנו" – און ממילא וועגן דעם איז עס פאר שטאפט געווארן פון יעקב אבינו, אבער וואס מיינט אז: "ונסתם ממנו" – אבער וואס מיינט אז עס איז פאר שטאפט געווארן פון יעקב אבינו..?! נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז: "ונסתם ממנו" מיינט, אז מען האט סוף כל סוף יא געגעבן רשות [פון הימל] פאר יעקב אבינו מגלה צו זיין דעם גרויסן סוד פאר זיינע קינדער אז די גאנצע "גלות" איז דאך בעצם נישט קיין אמת'ע זאך, אבער: "ונסתם ממנו" – אבער מען האט איהם דעמאלט'ס אָן געזאגט פון הימל, אז ער מעג דאס נאר איבער געבן פאר זיינע קינדער אויף א אופן פון: "סתומה" – אז ער מעג דאס נאר איבער געבן פאר זיינע קינדער אויף א אופן פון "פאר שטאפט'קייט".

און דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז מען האט איהם דעמאלט'ס אָן געזאגט פון הימל, אז ער מעג טאקע אויס זאגן פאר זיינע קינדער דעם גרויסן סוד אז די גאנצע גלות איז דאך בעצם נישט מער ווי איין גרויסע פאלטש'ע בער, אבער מען האט איהם דעמאלט'ס אָן געזאגט פון הימל, אז ער זאל דאס נישט מאכן אזוי גרינג, און ער זאל נישט מאכן די גאנצע "גלות" אזוי ווי איין גרויסע "גארנישט", נאר ער זאל זאגן פאר זיינע קינדער, אז אויב ענק וועלן אסאך הארעווען אויף דעם ענין פון: "אֱמוּנָה", דעמאלט'ס וועלן דאך ענק שוין אליין זעהן אז די גאנצע גלות איז דאך בעצם נישט מער ווי איין גרויסע "גארנישט".

און ממילא יעקב אבינו האט דאך אין אמת'ן "יא" מגלה געווען פאר זיינע קינדער דעם גרויסן סוד אז די גאנצע גלות איז דאך בעצם נישט מער ווי איין גרויסע: "שֶׁקֶר", אבער: "ונסתם ממנו" – אבער די גרויסע סוד איז אביסעל'ע "פאר שטאפט", און כדי צו קענען צו קומען צו זעהן מיט די אייגענ'ע אויגן אז די גאנצע "גלות" איז דאך בעצם נישט מער ווי איין גרויסע: "שֶׁקֶר", דארף מען דאך אסאך אסאך הארעווען אויף דעם ענין פון: "אֱמוּנָה".

און טאקע וועגן דעם האט יעקב אבינו מתקן געווען "תפילת ערבית", ווייל: "אֱמֶת" – ווייל עס איז: "אֱמֶת" טאקע אז אין אמת'ן איז דאך בעצם נישט דא קיין שום "גלות" אויף דער וועלט, ווייל אלעס איז דאך דער "אייבערשטער", אבער: "וֶאֱמוּנָה כָּל זֹאת" – אבער מען דארף דאך אבער האבן אסאך אסאך: "אֱמוּנָה" כדי צו קענען איין זעהן אז די גאנצע "גלות" איז דאך טאקע באמת איין גרויסע פאלטש'ע: "הֶסְתֵּר פָּנִים", און אויב האסטו: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן באשעפער און דו גלייבס'ט טאקע באמת אז דער גרויסער רחמנות'דיגער באשעפער ליגט דאך טאקע באהאלטן אונטער א יעדע צרה וואס עס איז נאר פארהאן אויף דער וועלט, דעמאלט'ס: "וְקַיָּם עָלֵינוּ" – דעמאלט'ס וועט זיך טאקע קענען האלטן ביי דיר דעם געדאנק אז די גאנצע גלות איז דאך בעצם נישט מער ווי איין גרויסע: "שֶׁקֶר".

און יענע רגע וואס דו האסט: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן באשעפער און דו גלייבס'ט טאקע באמת אז דער גרויסער רחמנות'דיגער באשעפער ליגט טאקע באהאלטן אונטער א יעדע צרה וואס עס איז נאר פארהאן אויף דער וועלט, ווערסטו דעמאלט'ס גלייך אויס געלייזט פון דיין שווער'ן פינסטער'ן: "גָלוּת אֱדוֹם" און דו געפונס'ט זיך דאך שוין מער נישט דעמאלט'ס אין קיין שום סארט "גלות", און אט די ווערטער האט דאך אונז שוין מגלה געווען דער הייליגער איש צדיק וקדוש **נ**חל **נ**ובע **מ**קור **ח**כמה רבי נחמן מברסלב זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, אז וואס..?! אז אויב א יודיש קינד גלייבט טאקע באמת: "בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה" אז: "ובכל תנועה ותנועה שם אלופו של עולם", דעמאלט'ס איז ער דאך א אויס געלייזט'ער מענטש, און ער געפונט זיך דאך שוין מער נישט דעמאלט'ס אין קיין שום סארט "גלות".

און טאקע וועגן דעם האט יעקב אבינו מתקן געווען "תפילת ערבית" – און טאקע וועגן דעם האט יעקב אבינו מתקן געווען אז מיר זאלן דאווענען צום אייבערשטן אין א צייט וואס עס איז שוין טונקל און פינסטער, ווייל יא ר' יוד, יעקב אבינו האט אונז דא געוואלט שטארקן אין אונזערע שווערע גלות'ן וואס

מיר גייען דא אלע א דורך גיין, און יעקב אבינו האט דאך אונז דא געוואלט אויס לערנען מיט דעם, אז אפילו ווען עס איז מיר: "עֶרֶב" – אז אפילו ווען עס איז מיר פינסטער ווי די נאכט, דארף איך זיך דאך אבער נאך אלץ קענען שטארקן און זאגן אז: "אָכֵן יֵשׁ יהו-ה בַּמָּקוֹם הַזֶּה", און אפילו עס איז: "כִּי בָא הַשֶּׁמֶשׁ" – און אפילו עס ווערט מיר טונקל און פינסטער, דארף איך זיך אבער נאך אלץ קענען מתגבר זיין אויף מיין שווער'ן מצב.. און מאכן דעם: "וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם" – און ארויס כאפן נאך א מצוה [וואס ווערט דאך אָן גערופן: "אֲבָנִים"] פארן הייליגן באשעפער, ווייל ווי אזוי קענען מיר דען אפ שאצן די ווערד פון א מצוה וואס ווערט געטוהן אין אזא טיפע שווערע לאנגע: "גָלוּת אֱדוֹם"..?!

אבער על כל פנים.. דאס האט דא פאסירט ביי די מעשה פון: "ביקש יעקב לגלות את הקץ", אז יעקב אבינו האט דא געוואלט אינגאנצן גרינג מאכן די געדאנק אז די גאנצע גלות איז דאך בעצם נישט מער ווי איין גרויסע: "שֶׁקֶר", אבער דער אייבערשטער האט איהם אבער דאס נישט געלאזט אינגאנצן גרינג מאכן, נאר דער אייבערשטער האט איהם דא געזאגט, אז ער מעג דאס נאר מגלה זיין פאר זיינע קינדער אויף א אופן פון: "סתומה", און זיינע קינדער וועלן מוזן פארמאגן גאנצע'טע בערג פון: "אֱמוּנָה" כדי צו קענען איין זעהן אז די גאנצע "גלות" וואס זיי גייען דא אלע אריבער איז דאך טאקע באמת איין גרויסע פאלטש'ע: "הֶסְתֵּר פָּנִים".

און וואס האט יוסף הצדיק געזאגט פאר זיינע ברודער'ס גלייך פאר ער איז נפטר געווארן..?! און די תירוץ אויף דעם איז דאך, אז יוסף הצדיק האט דאך געזאגט פאר זיינע ברודער'ס גלייך פאר ער איז נפטר געווארן, אז באגראבט'ס מיר נישט נאך מיין פטירה, נאר איך וויל אז ענק זאלן מיר אריין לייגן אין א קאסטן נאך מיין פטירה, און ווען: "פָּקֹד יִפְקֹד אֱלֹקִים אֶתְכֶם" – און ווען דער אייבערשטער וועט ענק ארויס נעמען פון ענקער "גלות מצרים", ערשט דעמאלט'ס: "וְהַעֲלִתֶם אֶת עַצְמֹתַי מִזֶּה" – ערשט דעמאלט'ס זאלט איר ארויף נעמען מיינע ביינער קיין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל" צוזאמען מיט ענק.

און מיר קענען זיך דאך שוין פָּאר שטעלן ווי צובראכן די שבטים זענען געווען בשעת ווען זיי האבן געזעהן אז מען האט דאך שוין באגראבן זייער גרויסן הייליגן טאטן "יעקב אבינו" אין די מערת המכפילה, און זיי האבן זיך דאך שוין דעמאלט'ס ארויס געלאזט אויפן וועג צוריק קיין מצרים, און זיי האבן דאך שוין דעמאלט'ס געזעהן, אז.. שוין, דאס איז עס, אונזער הייליגע טאטע "יעקב אבינו" איז דאך שוין מער נישט דא, און יעצט גייט זיך דא אָן הייבן א שווערע ביטער'ע "גלות מצרים", און פרעה גייט דא יעצט אָן הייבן אויס צו שעכט'ן אונזערע קינדער, און אוי גייט זיך יעצט אָן הייבן א שווערע ביטער'ע "גלות מצרים".

אבער איין: "נֶחָמָה" האבן זיי אבער נאך געהאט דעמאלט'ס, און דאס איז געווען, דער גרויסער הייליגער צדיק: "יוֹסֵף הַצַּדִּיק", אבער איינמאל: "יוֹסֵף הַצַּדִּיק" האט דאך שוין געהאלטן ממש פארן נפטר ווערן, דעמאלט'ס זענען דאך שוין די שבטים ממש געווען אינגאנצן צובראכן, ווייל זיי האבן דאך שוין געזעהן דא מיט די אייגענ'ע אויגן אז זיי גייען דאך דא אויך פארלירן דעם גרויסן הייליגן צדיק: "יוֹסֵף הַצַּדִּיק", אבער גלייך פאר: "יוֹסֵף הַצַּדִּיק" איז אוועק פון די וועלט, האט ער דעמאלט'ס געזאגט פאר זיינע ברודער'ס, אז באגראבט'ס מיר נישט נאך מיין פטירה, נאר איך וויל אז ענק זאלן מיר אריין לייגן אין א קאסטן נאך מיין פטירה, און ווען: "פָּקֹד יִפְקֹד אֱלֹקִים אֶתְכֶם" – און ווען דער אייבערשטער וועט ענק ארויס נעמען פון ענקער שווערע ביטער'ע "גלות מצרים", ערשט דעמאלט'ס: "וְהַעֲלִתֶם אֶת עַצְמֹתַי מִזֶּה" – ערשט דעמאלט'ס זאלט איר ארויף נעמען מיינע ביינער קיין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל" צוזאמען מיט ענק.

און דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז: "יוֹסֵף הַצַּדִּיק" האט דא געזאגט דא פאר זיינע ברודער'ס, אז הערט'ס מיר צו מיינע טייערע ברודער'ס, איך בין א "משכון" אז ענקער גלות וועט זיך איין טאג ענדיגן, ווייל ענק קענען דאך מיר נישט באגראבן ביז ווען ענק וועלן ארויס גיין פון דעם שווער'ן ביטער'ן "גלות מצרים", ווייל מען מוז דאך מקיים זיין די צוואה פון א נפטר.

און יא טייערע יודן, ווען איינער האט נאר געגעבן א קוק אויף די ארון פון: "יוֹסֵף הַצַּדִּיק" דורך אויס די אלע יארן וואס די יודישע קינדער זענען געווען אין דעם שווער'ן ביטער'ן "גלות מצרים", וואס האט ער דעמאלט'ס געזעהן..?! ער האט טאקע געזעהן דעמאלט'ס א "ארון", אבער אויב ער האט געפרעגט זיין חבר דעמאלט'ס אז.. זאג מיר נאר יענק'ל, פארוואס טראגט מען נישט ארויף די ביינער פון דעם גרויסן הייליגן צדיק: "יוֹסֵף הַצַּדִּיק" קיין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל"..?!

האט איהם זיין חבר גע'ענטפערט דעמאלט'ס, אז אַה.. דו ווילס'ט וויסן פארוואס מען טראגט נאך נישט ארויף די ביינער פון דעם גרויסן הייליגן צדיק: "יוֹסֵף הַצַּדִּיק" קיין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל"..?! איך וועל דיר זאגן פארוואס מען טראגט נאך נישט ארויף די ביינער פון דעם גרויסן הייליגן צדיק: "יוֹסֵף הַצַּדִּיק" קיין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", די סיבה פון דעם איז, ווייל עס גייט דאך נאך איין טאג זיין: "פָּקֹד יִפְקֹד אֱלֹקִים אֶתְכֶם", און מיר גייען דאך נאך אלע איין טאג ארויס גיין פון דעם שווער'ן ביטער'ן "גלות מצרים", און ווען דאס וועט געשעהן, ערשט דעמאלט'ס: "וְהַעֲלִתֶם אֶת עַצְמֹתַי מִזֶּה" – ערשט דעמאלט'ס וועלן מיר ארויף נעמען די ביינער פון דעם גרויסן הייליגן צדיק: "יוֹסֵף הַצַּדִּיק" קיין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", ווייל אזוי האט דאך: "יוֹסֵף הַצַּדִּיק" אליין באפוילן גלייך פאר זיין פטירה, אז מיר זאלן איהם נאר ארויף נעמען קיין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל" בשעת ווען מיר וועלן אויס געלייזט ווערן: "מִבֵּית עֲבָדִים".

און דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז די: "ארונו של יוסף" האט דאך סימבאלאזירט אז די גאנצע "גלות" גייט דאך נאך איין טאג קומען צו א עק, און די: "ארונו של יוסף" האט דאך סימבאלאזירט אז די גאנצע "גלות" איז דאך בעצם נישט מער ווי איין גרויסע: "הֶסְתֵּר פָּנִים", און יא טייערע יודן, די: "ארונו של יוסף" האט דאך סימבאלאזירט גאנצע'טע בערג פון: "אֱמוּנָה" אין: "ישועתן של ישראל", ווייל מען האט דאך נאך אויס דרוק'לעך נאך נישט "באגראבן" די ארון פון דעם גרויסן הייליגן צדיק: "יוֹסֵף הַצַּדִּיק", נאר מען האט איהם נישט מער ווי אריין געלייגט אין א קאסטן אין "מצרים".

און ווען א קינד האט געפרעגט זיין טאטן אז.. טאטע, זאג מיר נאר, ווען גייט מען באגראבן דעם גרויסן הייליגן צדיק: "יוֹסֵף הַצַּדִּיק"..?! האט דאך איהם זיין טאטע דעמאלט'ס גלייך גע'ענטפערט, אז דו ווייסט ווען מען גייט איהם באגראבן..?! מען גייט איהם באגראבן "ווען מיר גייען ארויס גיין פון דא", און יא טייערע יודן, די יודישע קינדער אין מצרים האבן דאך נישט דעמאלט'ס אויף געהערט איבער צו חזר'ן די ווערטער אז "מיר גייען דאך אלע ארויס גיין פון דא איין שיינעם טאג".

און ממילא ווען די בעל קורא לייענט אונז פָאר די וואך שבת קודש די ווערטער אז: "וַיָּמָת יוֹסֵף בֶּן מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים וַיַּחַנְטוּ אֹתוֹ וַיִּישֶׂם בָּאָרוֹן בְּמִצְרָיִם", שרייען מיר דאך דעמאלט'ס אלע אויס אלע אינאיינעם: "כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד", אז: "חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק" – אז לאמיר זיך אלע שטארקן און שטארקן און שטארקן, ווייל דער גרויסער הייליגער צדיק: "יוֹסֵף הַצַּדִּיק" איז דאך געווען א "משכון" און א אפענ'ע ראי' אז די "גלות ישראל" וועט דאך נאך איין טאג קומען צו א עק..!

און ממילא ווען מיר הערן ווי די בעל קורא לייענט אונז פָאר די וואך שבת קודש די ווערטער אז: "וַיָּמָת יוֹסֵף בֶּן מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים וַיַּחַנְטוּ אֹתוֹ וַיִּישֶׂם בָּאָרוֹן בְּמִצְרָיִם", הערן מיר דאך דעמאלט'ס אין אנדערע ווערטער ווי אזוי איינער רופט אויס הויעך, אז.. רבותי, מיר גייען אלע אט אט אט ארויס גיין פון דעם שווער'ן ביטער'ן גלות..! און ווען מיר הערן ווי די בעל קורא לייענט אונז פָאר די וואך שבת קודש די ווערטער אז: "וַיָּמָת יוֹסֵף בֶּן מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים וַיַּחַנְטוּ אֹתוֹ וַיִּישֶׂם בָּאָרוֹן בְּמִצְרָיִם", הערן מיר דאך דעמאלט'ס אין אנדערע ווערטער ווי אזוי איינער רופט אויס הויעך, אז.. רבותי, די גאנצע "גלות" וואס מיר גייען דא אלע א דורך איז דאך בעצם נישט מער ווי איין גרויסע: "שֶׁקֶר".

ווייל די גאנצע "גלות" וואס מיר גייען דא אלע א דורך איז דאך א זאך וואס גייט זיך דאך "ענדיגן" איין שיינעם טאג, און.. והא ראי', ווייל די ביינער פון דעם גרויסן הייליגן צדיק: "יוֹסֵף הַצַּדִּיק" קענען דאך נישט באגראבן ווערן ביז ווען די גלות וועט זיך ענדיגן.

און ווען מיר הערן אז יוסף הצדיק גייט דאך נישט אין ערגעץ נאר ער בלייבט דא צוזאמען מיט אונז ביז ווען מיר וועלן אלע זוכה זיין ארויס צו גיין פון דעם שווער'ן ביטער'ן "גלות", דעמאלט'ס קומט דאך שוין איינמאל אריין נאך דעם א פעסט'ע: "חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק", ווייל ווען מיר הערן אז די ארון הקודש פון דעם גרויסן הייליגן צדיק: "יוֹסֵף הַצַּדִּיק" גייט נאר באגראבן ווערן נאך דעם וואס די יודישע קינדער וועלן ארויס גיין פון דעם שווער'ן ביטער'ן "גלות", איז דאך דאס דעמאלט'ס א אפענ'ע ראי' אז מיר גייען דאך שוין אלע אט אט אט ארויס גיין פון דעם שווער'ן ביטער'ן "גלות", ווייל מען קען דאך נישט לאזן דעם גרויסן הייליגן צדיק: "יוֹסֵף הַצַּדִּיק" ליגן צו לאנג אָן קיין קבורה.

און ממילא דאס איז די: "שִׂמְחָה" וואס מיר פרייען זיך אלע ווען מיר הערן די ווערטער פון: "וַיָּמָת יוֹסֵף בֶּן מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים וַיַּחַנְטוּ אֹתוֹ וַיִּישֶׂם בָּאָרוֹן בְּמִצְרָיִם", ווייל מיר הערן דאך דא אלע אין אנדערע ווערטער ווי אזוי איינער רופט אויס הויעך, אז.. רבותי, "אט אט אט גייען מיר דאך שוין אלע אויס געלייזט ווערן פון דעם שווער'ן ביטער'ן גלות".

און איינער פון די קשיות וואס מיר האבן פריער געהאט געפרעגט איז דאך געווען, אז פארוואס ווערט: פַּרְשַׁת "וַיְחִי" אָן גערופן: פַּרְשַׁת "וַיְחִי" – אז פארוואס ווערט: פַּרְשַׁת "וַיְחִי" אָן גערופן די פרשה פון "לעבן", גאנץ: פַּרְשַׁת "וַיְחִי" רעדט זיך דאך נאר פון די "פטירה" פון יעקב אבינו..?! און די תירוץ אויף דעם איז דאך זייער פשוט, ווייל קודם כל.. ווערט דאך שוין געברענגט אין חז"ל אז: "יַעֲקֹב אָבִינוּ לֹא מֵת" – אז יעקב אבינו איז דאך אין אמת'ן קיינמאל נישט געשטארבן, נאר ער לעבט ווייטער אויף אייביג.

און בכלל.. האבן מיר דאך שוין פריער דערמאנט, אז דער הייליגער תורה הק' איז דאך דא מעיד אויף יעקב אבינו אז די פאר צרה'טע יעקב אבינו האט נאך אָן געיאגט צו לעבן אין דעם טמא'נעם לאנד מצרים "זיבעצן גוטע יארן", און דורך אויס די זיבעצן גוטע יארן וואס ער האט זיך געפונען אין דעם טמא'נעם לאנד מצרים האט ער דאך "געלעבט"..! און ער האט זיך דאך נישט נאך געלאזט דעמאלט'ס נאך די אלע שוועריקייטן: "שעברו עליו בצער", נאר ער האט "געלעבט"..!

און די ווארט: "וַיְחִי" – איז דאך טאקע אויך גימטריא: "יְהוּדִי" [מיטן כולל] – א יודיש קינד, ווייל יא ר' יוד, א: "אִישׁ יְהוּדִי" לעבט דאך אויף דער וועלט..! און א: "אִישׁ יְהוּדִי" נוצט דאך אויס זיינע אלע יארן "לטובה" טראץ דעם וואס ער איז אריבער געגאנגען שוועריקייטן אין די פארגאנגענהייט, און א: "אִישׁ יְהוּדִי" לעבט דאך שטענדיג מיט א אמת'ע פרייליכ'ע פריש'קייט: "לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא", און א: "אִישׁ יְהוּדִי" לעבט דאך שטענדיג מיט א אמת'ע פרייליכ'ע פריש'ע חיות: "לְתוֹרָה וְלַעֲבוֹדָה וּלְיִרְאַת יהו-ה טְהוֹרָה".

און די ווערטער: "וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם" – איז דאך טאקע אויך גימטריא: "אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ מֵיהו-ה אָז" – דאס בעט איך פון דעם אייבערשטן דעמאלט'ס בשעת ווען איך געפון זיך אין מיינע שווערע: "מְצָרִים", וואס בעט איך פון דעם אייבערשטן דעמאלט'ס בשעת ווען איך געפון זיך אין מיינע שווערע: "מְצָרִים"..?! און די תירוץ אויף דעם איז דאך, אז איך בעט דאך דעמאלט'ס פון דעם אייבערשטן בלויז, אז איך זאל זוכה זיין מקיים צו זיין דעם: "וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם" – אז איך זאל זוכה זיין צו בלייבן מיט מיין פרייליכ'ע פריש'ע "חיות" טראץ דעם וואס עס גייט אויף מיר אריבער גאר גאר שווערע: "מְצָרִים" און גאר גאר שווערע "פראבלעמען".

און יא טייערע יודן, ווען מיר הערן אלע אז אזא איינער ווי "יעקב אבינו" האט זיך "דער האלטן" און "געלעבט" טראץ דעם וואס ער האט דאך שוין געהאלטן דא נאך אזוי פיל: "צָרוֹת" און: "יְסוּרִים" וואס ער איז דאך שוין נעבעך אריבער געגאנגען דא, דעמאלט'ס איז דאך דאס די גרעסטע "חיזוק" פאר אונז, און עס איז דאך די גרעסטע "חיות" פאר אונז, ווייל דאס ווייזט דאך אונז שוין קלאר און אפן, אז.. יא, עס איז דא אזא זאך אז א מענטש קען זיך "דער האלטן" טראץ דעם וואס ער איז אריבער געגאנגען גאר גאר שווערע צייטן אין זיין לעבן, און יא טייערע יודן, מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז חז"ל זאגן דאך אונז שוין בפירוש, אז: "יַעֲקֹב אָבִינוּ לֹא מֵת" – אז יעקב אבינו איז דאך קיינמאל נישט געשטארבן, נאר

ער איז שטענדיג געבליבן מיט זיין אמת'ע פרייליכ'ע פריש'ע חיות: "לְתּוֹרָה וְלַעֲבוֹדָה וּלְיִרְאַת יהו-ה טְהוֹרָה".

און די ווערטער: "יַעֲקֹב אָבִינוּ לֹא מֵת" – איז דאך טאקע אויך ראשי תיבות: "אַלִים" – שטארק, ווייל יא ר' יוד, דו זאלסט וויסן אז אונזער הייליגע זיידע "יעקב אבינו" איז געווען א: "גְבַר אַלִים" – דו זאלסט וויסן אז אונזער הייליגע זיידע "יעקב אבינו" איז געווען א שטארק'ער מענטש, און אונזער הייליגע זיידע "יעקב אבינו" האט געקעמפ'ט מיט ציין און נעגל אנטקעגן די אלע שוועריקייטן וואס האבן איהם פראבירט צו צוברעכן, און ער איז ווייטער געגאנגען כאילו לא היה מיט זיין אמת'ע פרייליכ'ע פריש'קייט: "לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא", און ער האט זיך דאך בכלל נישט נאך געלאזט נאך די אלע שווערע נסיונות הזמן וואס האבן איהם פראבירט צו צוברעכן, נאר: "וַיִּתְחַזֵּק יִשְׂרָאֵל" – נאר יעקב אבינו האט זיך "געשטארקט"..! און: "וַיֵּשֶׁב עַל הַמִּטָּה" – און ער האט זיך ארויף געזעצט אויף דעם קראנקן בעט וואס איז דאך רומז אויף "שוואכ'קייט", און ממילא ווען מיר הערן אז אזא מיט געמאכט'ע יוד ווי "יעקב אבינו" האט זיך "מחזק" געווען, געבט דאך דאס אונז דעמאלט'ס נאך אמאל אריין א פריש'ע "חיות" דאס נאך צו מאכן.

און מיר זעהען דאך שוין טאקע אויך בפירוש אין די וואכעדיגע פרשה, אז ווען: "וַיַּגֵּד לְיַעֲקֹב וַיֹּאמֶר הִנֵּה בִּנְךָ יוֹסֵף בָּא אֵלֶיךָ" – אז ווען מען האט דערציילט פאר יעקב אבינו אז דו ווייסט "ווער" עס קומט דיר יעצט באזוכן..?! דער גרויסער הייליגער צדיק: "יוֹסֵף הַצַּדִּיק" וואס האט זיך דאך "דער האלטן" פאר א ערליכע יוד בשעת ווען ער האט זיך געפונען אין דעם טמא'נעם לאנד "מצרים" פאר גאנצע צוויי און צוואנציג יאר.

און ווי נאר יעקב אבינו האט דאס געהערט, האט דאך דאס דעמאלט'ס גלייך אריין געבלאזן אין איהם א פריש'ע גייסט פון "חיות", און דאס האט דאך טאקע גורם געווען דעמאלט'ס אז ער זאל דעמאלט'ס קענען מאכן דעם: "וַיִּתְחַזֵּק יִשְׂרָאֵל" – און דאס האט דאך טאקע גורם געווען דעמאלט'ס אז ער זאל זיך טאקע דעמאלט'ס גלייך קענען שטארקן אויף זיין שוואכ'קייט, און: "וַיֵּשֶׁב עַל הַמִּטָּה" – און ער האט זיך דאך טאקע דעמאלט'ס גלייך אויף געזעצט אויף דעם קראנקן בעט וואס איז דאך געווען די מקור פון "שוואכ'קייט", ווייל ווען איין יודיש קינד איז זיך מחזק: "בַּתּוֹרָה וּבַעֲבוֹדָה וּבְיִרְאַת יהו-ה טְהוֹרָה", דעמאלט'ס איז דאך דאס משפיע אויף זיין גאנצע סביבה אז זיי זאלן זיך אויך קענען מחזק זיין: "בַּתּוֹרָה וּבַעֲבוֹדָה וּבְיִרְאַת יהו-ה טְהוֹרָה".

און ווי אזוי האבן מיר אלע אויס גערופן אין די הייליגע: "חֲנוּכָּה" טעג..?! אז: "חֲזַק יִשְׂרָאֵל" – אז יעקב אבינו איז דאך געווען די מקור פון "שטארקייט", און: "וְתַכְנִיעַ יִשְׁמָעֵאל" – און נאר אזוי האט ער געקענט מצליח זיין מכניע צו זיין אלע זיינע פיינט, און אויב מיר ווען דאס אלע נאך מאכן, און מיר וועלן זיך אלע אונטער גארטל'ן מיט א הייליג פייער פון: "חֲזַק יִשְׂרָאֵל", וועלן מיר דאך שוין טאקע דעמאלט'ס גאר בקרוב קענען זוכה זיין צו דעם: "וּמֶאֱדוֹם תִּפְדֶּה נַפְשִׁי", און מיר וועלן דאך שוין טאקע דעמאלט'ס אלע קענען זוכה זיין צו די גרויסע: "גְאוּלָה שְׁלֵמָה", און עס וועט דאך שוין דעמאלט'ס מקיום ווערן דעם פסוק פון: "וְעָלוּ מוֹשִׁעִים בְּהַר צִיּוֹן לִשְׁפֹּט אֶת הַר עֵשָׂו", און עס וועט דאך שוין דעמאלט'ס זיין: "וְהָיְתָה לַיהו-ה הַמְּלוּכָה", און עס וועט דאך שוין דעמאלט'ס זיין דעם גרויסן "תיקון השלם".

אבער מיר דארפן זיך נאר ווייטער פראבירן מחזק צו זיין: "בַּתּוֹרָה וּבַעֲבוֹדָה וּבְיִרְאַת יהו-ה טְהוֹרָה", און מיר דארפן נאר אלע ווייטער גלייבן: "בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה", אז: "לַיהו-ה הַיְשׁוּעָה" – אז ביי דעם "הייליגן באשעפער" ליגט דאך: "ישועתן של ישראל", און: "אַךְ הוּא צוּרִי וִישׁוּעָתִי" – און דער אייבערשטער איז דאך: "אַךְ וְרַק" דער איינציגסט'ער וואס קען אויס לייזן די יודישע קינדער פון זייער שווער'ן ביטער'ן גלות, און "נאר" פון איהם וועט קומען אונזער "ישועה", ווייל: כִּי "אַתָּה" הוּא בַּעַל הַיְשׁוּעוֹת וּבַעַל הַנֶּחָמוֹת – ווייל דער "אייבערשטער" איז דאך דער איינציגסט'ער גרויסער: "בַּעַל הַיְשׁוּעוֹת וּבַעַל

הַנֶּחָמוֹת", און דער "אייבערשטער" איז דאך דער איינציגסט'ער וואס קען אונז אלע ברענגען אונזער גרויסע: "יְשׁוּעָה שְׁלֵמָה מִן הַשָּׁמַיִם".

און: "עַל עַמְּךָ" – און אויף די יודישע קינדער וואס פראבירן זיך מחזק צו זיין: "בַּתּוֹרָה וּבַעֲבוֹדָה וּבְיִרְאַת יהו-ה טְהוֹרָה" אין דעם שווער'ן ביטער'ן פינסטער'ן גלות, איז: "בִּרְכָתֶךָ סֶּלָה" – איז דא די ברכה פון: "סֶלָה", אבער איין מינוט ר' יוד, וואס הייסט..?! וואס איז די ברכה פון: "סֶלָה"..?! און די תירוץ אויף דעם איז דאך, אז די ווארט: "סֶלָה" – איז דאך ראשי תיבות: "**ס**וֹף **הַ**כָּבוֹד **לָ**בוֹא" – אז סוף כל סוף וועלן דאך אלע יודישע קינדער וואס האבן זיך "דער האלטן" אין דעם שווער'ן ביטער'ן "גלות" באקומען זייער ריכטיגע: "כָּבוֹד" וואס זיי האבן זיך פארדינט, און ווען וועט דאס טאקע פאסירן..?! און די תירוץ אויף דעם איז דאך, אז דאס וועט דאך פאסירן: "לֶעָתִיד לָבוֹא כְּשֶׁיָּבוֹא מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ".

און די אמת איז דאך, אז דער הייליגער תורה הק' איז דאך די גרעסטע "חיזוק" פאר א מענטש וואס וויל זיך נאר מחזק זיין, און די אמת איז דאך, אז עס שטייט דאך שוין טאקע אויך בפירוש אין פסוק אין פרשת עקב (קפיטל י"א פסוק ח'), אז דער הייליגער באשעפער האט דאך שוין דעמאלט'ס אליין געזאגט פאר די יודישע קינדער, אז: "וּשְׁמַרְתֶּם אֶת כָּל הַמִּצְוָה אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם" – אז ענק זאלן אלע זעהן אפ צו היטן דער הייליגער "תורה" הק', ווייל: "לְמַעַן תֶּחֶזְקוּ" – ווייל דורך דער הייליגער "תורה" הק' וועלן ענק דאך באקומען די גרעסטע "חיזוק" וואס ענק דארפן נאר האבן, ווייל די גרעסטע "חיזוק" פאר א מענטש איז דאך ווען ער זעהט אז דער הייליגער "תורה" הק' איז: "חַי וְקַיָּם" טראץ דעם וואס זי איז דאך שוין נעבעך א דורך געגאנגען אזעלכע שווערע פינסטער'ע גלות'ן וואס מען האט דאך שוין נעבעך געשניטן פון איר גאנצע'טע שטיקער רח"ל.

און די אמת איז דאך, אז די פארגאנגענ'ע וואך: פַּרְשַׁת "וַיִּגַּשׁ" תש"פ איז דאך שוין טאקע פָּאר געקומען די גרויסע סיום הש"ס בכל תפוצות ישראל וואס איז געלערנט געווארן במסגרת לימוד דף היומי וואס איז גע'גרינדע'ט געווארן דורך דעם הייליגן גאון וצדיק דער הייליגער רבי מאיר שפירא מלובלין זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, און מיר ווייסן דאך שוין טאקע אלע אויך זייער גוט, אז חז"ל זאגן דאך אונז שוין בפירוש, אז: "ליכא דבר דלא רמיזא באורייתא" – אז עס איז דאך נישט פארהאן קיין שום זאך אויף דער וועלט וואס עס איז נישט מרומז אין דער הייליגער תורה הק'.

און לויט דעם קען מען דאך טאקע אפשר דערמאנען דא א מורא'דיגע געדאנק, און דאס איז דאך, אז די ווארט: "וַיִּגַּשׁ" – איז דאך טאקע אויך ראשי תיבות: "**יְ**הוּדִים **גּ**וֹמְרִים **וּ**מַתְחִילִים **שַׁ**"ס" – אז יודישע קינדער ענדיגן דעמאלט'ס און הייבן דעמאלט'ס אָן ש"ס, ווייל יא ר' יוד, אין: פַּרְשַׁת "וַיִּגַּשׁ" האט דאס פאסירט, ווייל די וואך האבן דאך צענדליגע טויזנט'ער יודישע קינדער גע'ענדיגט און אָן געהויבן ש"ס, און חז"ל זאגן דאך אונז שוין טאקע אויך בפירוש, אז: "ליכא דבר דלא רמיזא באורייתא" – אז עס איז דאך נישט פארהאן קיין שום זאך אויף דער וועלט וואס עס איז נישט מרומז אין דער הייליגער תורה הק'.

און יא ר' יוד, דא זעהען מיר דאך שוין אלע קלאר: "עַיִן בְּעַיִן" אז אין דעם ווארט: "וַיִּגַּשׁ" איז דאך מרומז דעם ענין פון: "**יְ**הוּדִים **גּ**וֹמְרִים **וּ**מַתְחִילִים **שַׁ**"ס" – אז יודישע קינדער ענדיגן דעמאלט'ס און הייבן דעמאלט'ס אָן ש"ס, און די וואך איז דאך טאקע די פאסיג'סטע פלאץ אויס צו שרייען הויעך אין אלע גאסן אז: "אשריכם תלמידי חכמים"..! און: "אשרי מי שגדול בתורה ועמלו בתורה ועושה נחת רוח ליוצרו"..!

און די אמת איז דאך, אז די ערשטע זאך אויף דער וועלט איז דאך דער יוד וואס זיצט און לערנט דער הייליגער תורה הק', און די חשוב'סטע זאך אויף דער וועלט איז דאך דער יוד וואס זיצט און לערנט דער הייליגער תורה הק', און מיר האבן דאך שוין טאקע דערמאנט ביי א אנדערע געלעגנהייט, אז די ווארט: "בְּרֵאשִׁית" – איז דאך טאקע אויך גימטריא: "אַשְׁרֵי הַמְּשַׁנֶּה" [מיט די צוויי ווערטער] – אז וואויל איז פאר דער מענטש וואס לערנט דער הייליגער "תורה" הק'..!

ווייל יא ר' יוד: "אשרי מי שגדול בתורה" –וואויל איז פאר דער מענטש וואס שטייגט אין דער הייליגער "תורה" הק', און: "ועמלו בתורה" – און ער פלאגט זיך טאקע באמת אויף דער הייליגער "תורה" הק', און: "ועושה נחת רוח ליוצרו" – און ער פאר שאפט דורך דעם גאר גאר א גרויסע: "נַחַת רוּחַ" פאר זיין גרויסן הייליגן טאטן אין הימל, און אויב פלאגסטו זיך טאקע באמת אויף דער הייליגער "תורה" הק' ווי עס דארף צו זיין, דעמאלט'ס איז: "אַשְׁרֶיךָ בָּעוֹלָם הַזֶּה וְטוֹב לָךְ לָעוֹלָם הַבָּא".

און עס שטייט דאך שוין טאקע אויך בפירוש אין די משנה אין אבות, אז די תנא פון די משנה זאגט דאך אונז שוין דארטן בפירוש קלאר, אז: "וּבַתּוֹרָה אַתָּה עָמֵל" – אז אויב פלאגסטו זיך אויף דער הייליגער "תורה" הק', און: "אִם אַתָּה עֹשֶׂה כֵן" – און אויב טוסטו טאקע אזוי, און דו פלאגס'ט זיך טאקע "באמת" אויף די ווערטער פון דער הייליגער "תורה" הק', דעמאלט'ס: "אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ" – דעמאלט'ס וואויל איז דיר און גוט איז דיר, און: "אַשְׁרֶיךָ בָּעוֹלָם הַזֶּה וְטוֹב לָךְ לָעוֹלָם הַבָּא".

און דער הייליגער תורה שבכתב און דער הייליגער תורה שבעל פה זענען דאך אין אמת'ן די הייליגע "קוועלער" פון א יעדע יודיש קינד, און פון דעם לעבן מיר דאך אלע, ווייל: "כִּי הֵם חַיֵּינוּ וְאֹרֶךְ יָמֵינוּ וּבָהֶם נֶהְגֶּה יוֹמָם וָלָיְלָה", און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין די ווארט: "בְּרֵאשִׁית", ווייל די ווארט: "בְּרֵאשִׁית" איז דאך טאקע אויך די זעלבע אותיות ווי: "יֵשׁ בְּאֵרֹת", ווייל יא ר' יוד, דער הייליגער תורה שבכתב און דער הייליגער תורה שבעל פה זענען דאך אין אמת'ן די: "בְּאֵר מַיִם חַיִּים" פון א יעדע יודיש קינד.

און עס איז דאך טאקע אויך אינטרעסאנט אָן צו מערקן דא, אז גלייך נאך דעם גרויסן סיום הש"ס וואס כלל ישראל האט דא געמאכט די וואך במסגרת לימוד דף היומי.. איז דא פלוצלונג גלייך אָן געקומען: "נִיטְ"ל" – איז דא פלוצלונג גלייך אָן געקומען די זמן וואס: "**י**וּדְן **טָ**ארְן **נִ**ישְׁט **לֶ**ערְנֶען", און עס איז דא ליידער געווארן: "נֵטַל" כָּבוֹד מְבֵית חַיֵּינוּ אין א געוויסע בחינה, אבער דו ווייסט פארוואס דאס האט פונקט "יעצט" פאסירט..?! פארוואס פונקט יעצט..?! נאר די תירוץ אויף דעם איז, ווייל די "סטרא אחרא" האט דאך נישט געקענט צו קוקען אזא גרויסע סיום הש"ס וואס עס איז דא פָאר געקומען די וואך, און די "סטרא אחרא" האט דאך נישט געקענט אויס האלטן צו זעהן ווי צענדליגע טויזנט'ער יודישע קינדער האבן מסיים געווען גאנץ ש"ס די וואך, און די "סטרא אחרא" האט דאך נישט געקענט אויס האלטן צו זעהן ווי צענדליגע טויזנט'ער יודישע קינדער האבן געטאנצן די וואך מיט א אמת'ע: "שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה" אויף דעם ניגון: "שִׂישׂוּ וְשִׂמְחוּ בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה".

און מיר ווייסן דאך שוין טאקע אלע אויך זייער גוט, אז די ערגסט'ע שטעך וואס א מענטש קען נאר געבן פאר די ס"מ איז דאך, ווען ער מאכט א: "סִיּוּם מַסֶּכֶת", ווייל די נאמען פון דעם יצר הרע איז דאך: סמא"ל, און די ווארט: סמא"ל – איז דאך ראשי תיבות: "**סִ**יּוּם **מַ**סֶּכֶת **אֵ**ין **לַ**עֲשׂוֹת" כידוע, און ממילא לאמיר יעצט אלע צוזאמען מאכן דעם חשבון, אויב דער יצר הרע באקומט גאר גאר א גרויסע שטעך ווען ער זעהט אז א "יודיש קינד" מאכט אמאל א: "סִיּוּם מַסֶּכֶת", דעמאלט'ס ווי א גרויסע שטעך באקומט ער ווען ער זעהט אז "אסאך" יודן האבן געמאכט א: "סִיּוּם מַסֶּכֶת"..?! ער באקומט דאך דעמאלט'ס גאר גאר א גרויסע שטעך, יא..?! און ווי גרויס איז די שטעך ווען דער יצר הרע זעהט אז איין יוד האט געמאכט א: "סִיּוּם הַשַּׁ"ס" וואס איז דאך צוזאם געשטעלט פון קרוב צו "פערציג" מסכתות..?! די שטעך וואס דער יצר הרע באקומט דאך דעמאלט'ס איז דאך שוין גאר גאר גרויס.

און ווי גרויס איז די שטעך ווען דער יצר הרע זעהט אז "צענדליגע טויזנט'ער יודישע קינדער האבן צוזאמען גע'ענדיגט גאנץ ש"ס"..?! די שטעך וואס דער יצר הרע באקומט דאך דעמאלט'ס איז דאך אום באשרייבליך, און ממילא וועגן דעם האט מען איהם דארטן געדארפט צו ווארפן עפעס א קליינעם: "נִיטְ"ל" כדי אז ער זאל זיך אביסעל'ע בארואיגן פון זיין גרויסע כעס וואס ער האט דא געהאט די פארגאנגענ'ע וואך ביי די גרויסע סיומי הש"ס העולמי.

אבער על כל פנים.. לאמיר צוריק גיין צו דאס וואס מיר האבן פריער געשמועס'ט, ווייל מיר האבן דאך פריער געהאט געשמועס'ט, אז אויב א מענטש זוכט "חיזוק", זאל ער דעמאלט'ס געבן א קוק אויף דער הייליגער "תורה" הק', ווייל דער הייליגער "תורה" הק' איז דאך שוין נעבעך אריבער געגאנגען אזוי פיל גלות'ן וואו מען האט נעבעך געשניטן פון איר גאנצע'טע שטיקער רח"ל, אבער דער הייליגער "תורה" הק' איז דאך אבער ווייטער: "חַי וְקַיָּם" טראץ דעם וואס זי איז נעבעך א דורך געגאנגען אזעלכע שווערע גלות'ן וואו מען האט נעבעך געשניטן גאנצע'טע שטיקער פון איר רח"ל, און דאס איז דאך די גרעסטע "חיזוק" פאר א מענטש, ווייל ווען א יודיש קינד געבט א קוק אויף דער "לעבעדיגער ספר תורה" וואס איז נאך: "חַי וְקַיָּם" טראץ דעם וואס זי איז נעבעך צו שטאכן געווארן און צו שלאגן געווארן דורך אויס אזוי פיל גלות'ן וואס זי איז נעבעך אריבער געגאנגען, באקומט ער דאך דעמאלט'ס גלייך אריין א פריש'ע חיות פון: "הִתְחַזְקוּת בַּתּוֹרָה וּבַעֲבוֹדָה וּבְיִרְאַת יהו-ה טְהוֹרָה".

און מיר האבן דאך שוין טאקע אויך פריער דערמאנט, אז די פטירה פון: "יוֹסֵף הַצַּדִּיק" איז דאך אויך נישט געווען קיין געהעריגע פטירה, ווייל מען האט דאך איהם נישט באגראבן נאך זיין פטירה, נאר ער איז געבליבן א "משכון" און א ראי' אז די יודישע קינדער וועלן נאך איין טאג ארויס גיין פון דעם שווער'ן ביטער'ן "גלות מצרים", און ממילא די: "ארונו של יוסף" האט דאך אונז נישט געוויזן קיין "סימני מיתה", ניין ניין ניין, נאר פארקערט, די: "ארונו של יוסף" האט דאך אונז נאר געוויזן "סימני חיים", און די: "ארונו של יוסף" האט דאך אונז נאר געוויזן אז מיר וועלן נאך אלע איין שיינעם טאג ארויס גיין פון דעם שווער'ן ביטער'ן "גלות", און די: "ארונו של יוסף" האט דאך אונז נאר געוויזן אז אונזער שווערע ביטער'ע "גלות" גייט זיך דאך איין שיינעם טאג "ענדיגן".

און ממילא די פטירה פון: "יוֹסֵף הַצַּדִּיק" איז דאך בעצם בכלל נישט געווען קיין טויט'ע פטירה, נאר פארקערט, די פטירה פון: "יוֹסֵף הַצַּדִּיק" האט דאך אונז געוויזן אז: "נֶצַח יִשְׂרָאֵל לֹא יְשַׁקֵּר", און די פטירה פון: "יוֹסֵף הַצַּדִּיק" האט דאך אונז געוויזן אז עס וועט דאך נאך איין שיינעם טאג מקיום ווערן די ווערטער פון: "נֶצַח יִשְׂרָאֵל מִצָּרוֹתֵינוּ גְּאָלֵנוּ וּמִבּוֹר גָּלוּת דָּלֵנוּ וְהַעֲלֵנוּ לְנַצֵּחַ עַל מְלֶאכֶת בֵּית יהו-ה", און די: "ארונו של יוסף" האט דאך אונז נאר געוויזן אז "אט אט אט גייען מיר דאך שוין אלע אויס געלייזט ווערן פון דעם שווער'ן ביטער'ן גלות".

און מיר ווייסן דאך שוין טאקע אלע אויך, אז נאך "גלות" קומט דאך: "תְּחִיַּת הַמֵּתִים", און מיר האבן דאך שוין פריער געהאט געשמועס'ט, אז "א זאך וואס ענדיגט זיך איין טאג איז דאך נישט קיין אמת'ע זאך", און לויט דעם קומט דאך אויס, אז: "יוֹסֵף הַצַּדִּיק" איז דאך אויך קיינמאל נישט געשטארבן, ווייל א צדיק גייט דאך נאך איין שיינעם טאג אויף שטיין: "תְּחִיַּת הַמֵּתִים" צוזאמען מיט אלע אנדערע צדיקים פון אלע דורות הקודמים, און אויב זיין טויט גייט דאך נאך איין טאג האבן א "סוף", דעמאלט'ס איז דאך עס שוין: "שקר מעיקרא" – דעמאלט'ס איז דאך עס שוין פון "יעצט" א פאלטש'ע זאך, און וועגן דעם זאגן דאך אונז שוין טאקע חז"ל בפירוש, אז: "צדיקים במיתתן" זענען אויך: "קרויים חיים", ווייל דער צדיק דא גייט דאך איין שיינעם טאג אויף שטיין: "תְּחִיַּת הַמֵּתִים" צוזאמען מיט אלע אנדערע צדיקים פון אלע דורות הקודמים, און אויב זיין טויט גייט דאך נאך איין טאג האבן א "סוף", דעמאלט'ס איז דאך עס שוין "יעצט" א פאלטש'ע זאך, און דער צדיק איז קיינמאל נישט געשטארבן בכלל.

אבער על כל פנים.. דאס איז אונזער "גלות", ווייל די גאנצע "גלות" וואו מיר געפונען זיך יעצט איז דאך נאר איין גרויסע: "הֶסְתֵּר" – ווייל די גאנצע "גלות" וואו מיר געפונען זיך יעצט איז דאך נאר איין גרויסע פאר שטעלט'ע בער וואס זעהט אויס שרעקעדיג, אבער אין אמת'ן.. איז דאך דאס אלעס: "כָּל כֻּלּוֹ טוֹב מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ", און ממילא פארוואס זאלן מיר מורא האבן פון אזא שרעקעדיגע "גלות", דאס איז דאך אלעס א בלויז'ע: "הֶסְתֵּר פָּנִים" פון דעם הייליגן באשעפער..?! און אונטער דעם: "הֶסְתֵּר פָּנִים" ליגט דאך באהאלטן דער גרויסער: "אָבִינוּ אָב הָרַחֲמָן" וואס איז דאך די מקור פון גוט'ס קייט.

און ממילא דאס האט דא יעקב אבינו געזאגט פאר זיינע טייערע הייליגע ליכטיגע קינדער, אז פארוואס זאל איך מורא האבן פון די אלע צרות וואס זעהען אויס צרות אין מיינע אויגן..?! מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז אונטער די אלע שווערקייטן ליגט דאך באהאלטן דער גרויסער: "אָבִינוּ אָב הָרַחֲמָן" וואס איז דאך די מקור פון "גוט'ס קייט", און ממילא לאמיר אלע ווייטער דינען דעם הייליגן באשעפער מיט א פרייליכ'ע פריש'קייט.

ווייל ווי אזוי זאגט אונז דער הייליגער בעל התניא אין זיין הייליגן אגרת הקודש (פרק י"א)..?! דער הייליגער בעל התניא זאגט דאך אונז שוין בפירוש אין זיין הייליגן אגרת הקודש (פרק י"א), וזלה"ק, אז: "אבל באמת אין רע יורד מלמעלה" – אז אין אמת'ן קומט דאך נישט אראפ פון הימל קיין שום שלעכטע זאך, נאר: "והכל טוב" – נאר אלעס איז דאך: "כָּל כֻּלּוֹ טוֹב מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ".

און מיר דארפן דאך נאר אלע זוכה זיין צו לעבן מיט: "אֱמוּנָה" אין די הייליגע ווערטער פון דעם הייליגן בעל התניא, און מיר דארפן זיך דאך נאר שטענדיג פראבירן צו שטארקן מיט: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָּחוֹן" אין דעם גרויסן: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב", און געדענקען, אז אפילו ווען איך האב אמאל א שווערע מינוט, און אפילו ווען עס איז שווער צו פארשטיין די וועגן פון דעם הייליגן באשעפער, גלייב איך אבער דעמאלט'ס נאך אלץ אז: "הכל טוב" – גלייב איך אבער דעמאלט'ס נאך אלץ אז אלעס איז דאך אין אמת'ן: "כָּל כֻּלּוֹ טוֹב מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ", ווייל דער הייליגער באשעפער איז דאך דער זעלב'ער גרויסער: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב", און ער וועט דאך שטענדיג בלייבן דער גרויסער: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב".

אבער על כל פנים.. דאס איז געווען אונזער הייליגע זיידע "יעקב אבינו", אונזער הייליגע זיידע "יעקב אבינו" האט דאך נאך אָן געיאגט צו לעבן "זיבעצן גוטע יארן" אין דעם לאנד מצרים מיט די כח פון: "אֱמוּנָה", און טראץ דעם וואס ער האט דאך שוין געהאלטן דא נאכן א דורך גיין אזוי פיל צרות, ווי למשל: "צָרַת עֵשָׂו", און: "צָרַת לָבָן", און: "צָרַת אֱלִיפָז", און: "צָרַת יוֹסֵף הַצַּדִּיק", וכו' וכו' וכו', האט ער אבער אפילו הכי "געלעבט" אין מצרים..! און ער האט זיך בכלל נישט נאך געלאזט נאך די אלע שווערקייטן: "שעברו עליו בצער", נאר ער האט "געלעבט" א ערליכע יודישע הייליגע לעבן אין דעם לאנד מצרים, און דורך דעם האט ער זוכה געווען איבער צו דרייען זיינע אלע אנדערע יארן: "שעברו עליו בצער" צום גוט'ן, און אפילו די יארן: "שעברו עליו בצער" זענען אויך גערעכנט געווארן צו די חשבון פון: "שְׁנֵי חַיָּיו" – און אפילו די יארן: "שעברו עליו בצער" זענען אויך גערעכנט געווארן צו די חשבון פון די יארן וואס יעקב אבינו האט "געלעבט", ווייל: "הכל הולך אחר החתום".

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק פון: "וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם" וגו', ווייל די ווערטער: "**וַ**יְחִי **יַ**עֲקֹב **בְּ**אֶרֶץ **מִ**צְרַיִם" – איז דאך טאקע אויך ראשי תיבות: "בַּיּוֹם" – ליכטיג, ווייל יא ר' יוד, דער הייליגער תורה הק' וויל דאך אונז דא זאגן, אז דו זאלסט וויסן ר' יוד, אז: "וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם" – אז די יארן וואס יעקב אבינו האט געלעבט אין דעם לאנד מצרים זענען דאך געווען: "בַּיּוֹם" – די יארן וואס יעקב אבינו האט געלעבט אין דעם לאנד מצרים זענען דאך געווען "ליכטיגע יארן".

און די יארן וואס יעקב אבינו האט נאך אָן געיאגט צו לעבן אין דעם לאנד מצרים זענען דאך געווען: "שְׁבַע עֶשְׂרֵה שָׁנָה" – און די יארן וואס יעקב אבינו האט נאך אָן געיאגט צו לעבן אין דעם לאנד מצרים זענען דאך געווען: כָּל כֻּלּוֹ "טוֹב", [ווייל: "שְׁבַע עֶשְׂרֵה" איז דאך גימטריא: "טוֹב"], און פון די ליכטיג'קייט איז דאך געווארן: "וְלַיְלָה כַּיּוֹם יָאִיר", און אפילו די טונקעל'ע יארן וואס יעקב אבינו האט געהאלטן לפי רוב קדושתו אז עס איז געווען טונקעל'ע יארן, זענען אויך איבער געדרייט געווארן צו ליכטיגע יארן, און די אלע טונקעל'ע יארן וואס יעקב אבינו האט געהאלטן לפי רוב קדושתו אז עס איז געווען טונקעל'ע יארן, זענען אויך גערעכנט געווארן פאר: "שְׁנֵי חַיָּיו".

און די ראשי תיבות פון די ווערטער: "**וַ**יְחִי **יַ**עֲקֹב **בְּ**אֶרֶץ **מִ**צְרַיִם" – איז דאך טאקע אויך גימטריא: "נֹחַ" – גרינג, ווייל יא ר' יוד, אויב א יודיש קינד לעבט ליכטיגע טעג טראץ דעם וואס ער גייט א דורך

שווערקייטן און: "צָרוֹת" און: "יְסוּרִים", האט ער דאך דעמאלט'ס גאר גאר א "גרינגע" לעבן, און אויב איינער וועט דיר אמאל פרעגן אזא שאלה, אז פון וואו נעמט זיך אזא גרויסע שטארקייט וואס "יעקב אבינו" האט פארמאגט אין דעם לאנד "מצרים"..?! און ווי אזוי האט נאך יעקב אבינו געהאט א: "רָצוֹן" צו לעבן בכלל אין דעם שרעקליכ'ן טמא'נעם לאנד "מצרים"..?! ער האט דאך שוין געהאלטן דעמאלט'ס נאך אזוי פיל: "צָרוֹת" און: "יְסוּרִים" וואס ער איז דאך שוין נעבעך א דורך געגאנגען..?!

אבער די תירוץ אויף דעם איז דאך, אז דו ווילס'ט וויסן פון וואו עס נעמט זיך אזא שטארקייט וואס יעקב אבינו האט דעמאלט'ס געהאט..?! קום איך וועל דיר זאגן פון וואו דאס נעמט זיך, דאס נעמט זיך פון: "אֱמוּנָה", ווייל יעקב אבינו האט דאך טאקע דעמאלט'ס באמת געג'גלייבט: "בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה" אז דער הייליגער באשעפער איז דאך א אמת'ע: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב", און ער טוט דאך נישט קיינמאל ח"ו קיין שום שלעכטע זאך פאר קיין שום מענטש.

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק פון: "וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם" וגו', ווייל די סופי תיבות פון די ווערטער: "וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם" – איז דאך גימטריא: "מֵאֱמוּנָה" – פון: "אֱמוּנָה", ווייל יא ר' יוד, אויב דו ווערסט מיר אמאל פרעגן אזא שאלה, אז פון וואו נעמט זיך אזא גרויסע שטארקייט וואס יעקב אבינו האט פארמאגט אין דעם לאנד "מצרים"..?! און ווי אזוי קען זיין אז: "וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם" – און ווי אזוי קען זיין אז יעקב אבינו האט נאך געהאט א: "רָצוֹן" צו לעבן בכלל אין דעם שרעקליכ'ן טמא'נעם לאנד "מצרים"..?! ער האט דאך שוין געהאלטן דעמאלט'ס נאך אזוי פיל: "צָרוֹת" און: "יְסוּרִים" וואס ער איז דאך שוין נעבעך א דורך געגאנגען..?!

ענטפערט אונז אויף דעם די פסוק דא, און דער הייליגער תורה הק' זאגט אונז דא, אז דו ווייסט פון וואו עס נעמט זיך אזא שטארקייט וואס יעקב אבינו האט דא געהאט..?! און דו ווייסט פון וואו עס נעמט זיך אזא גרויסע שטארקע: "וַיִּתְחַזֵּק יִשְׂרָאֵל"..?! דאס נעמט זיך: "מֵאֱמוּנָה" – דאס נעמט זיך פון די יסוד פון א יודיש קינד וואס רופט זיך: "אֱמוּנָה שְׁלֵמָה" און: "אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה" און: "אֱמוּנָה טְהוֹרָה", און דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז יא ר' יוד, וויסן זאלסטו, אז יעקב אבינו האט דאך טאקע באמת געג'גלייבט: "בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה" אז אלעס וואס פאסירט נאר צו איהם איז דאך טאקע בלויז: "אַךְ וְרַק" אויס דרוק'לעך: "להנאתו ולטובתו".

אבער טראץ דעם וואס יעקב אבינו האט געלעבט מיט: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן באשעפער, האט ער אבער נאך אלץ נישט אויף געהערט צו דאווענען צום הייליגן באשעפער אז דער הייליגער באשעפער זאל איהם שוין ווייזן זיין אפענ'ע: "יְשׁוּעַת יהו-ה", און ער האט ווייטער געבעטן דעם הייליגן באשעפער אז: "לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי יהו-ה" – און ער האט ווייטער געבעטן דעם הייליגן באשעפער אז איך האף דאך נאך אלץ צו זעהן בקרוב ממש דיין גרויסע אפענ'ע: "יְשׁוּעַת יהו-ה כְּהֶרֶף עַיִן".

און איך בעט דיר טאקע נאך אמאל און נאך אמאל גרויסער הייליגער טאטע אין הימל, אז: "הַרְאֵנוּ" יהו-ה חַסְדֶּךָ – אז "ווייז" אונז שוין דיינע גרויסע: "חֲסָדִים" וואס ליגט באהאלטן אין אונזערע צרות, און מיר זאלן שוין אלע זוכה זיין אויף צו דעקן דעם: "הסתרה שבתוך ההסתרה" – און מיר זאלן שוין אלע זוכה זיין אויף צו דעקן דעם: "הֶסְתֵּר" וואס ליגט באהאלטן אין דעם: "הֶסְתֵּר", און מיר זאלן שוין אלע זוכה זיין צו פארשטיין וואס דאס מיינט אז: "כל מה דרחמנא עביד לטב עביד", און מיר זאלן שוין אלע זוכה זיין צו פארשטיין וואס דאס מיינט אז אלעס וואס פאסירט נאר צו אונז איז דאך טאקע באמת: "כָּל כֻּלּוֹ חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְּדוֹלִים מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ".

אבער: "עַד כִּי יָבֹא שִׁילֹה" – אבער "ביז משיח וועט קומען" – אבער ביז מיר וועלן אלע זוכה זיין צו די גרויסע: "יְשׁוּעָה שְׁלֵמָה מִן הַשָּׁמַיִם", וועלן מיר אבער אלע ווייטער לעבן מיט: "אֱמוּנָה שְׁלֵמָה" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים" אז אלעס וואס מיר גייען דא אריבער איז דאך אין אמת'ן אויס דרוק'לעך בלויז: "חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְּדוֹלִים מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ", און מיר וועלן דאך טאקע אלע ווייטער בעטן

דעם הייליגן באשעפער אז מיר ווילן שוין אלע זוכה זיין צו זעהן מיט אונזערע אייגענ'ע אויגן די גרויסע: "יְשׁוּעַת יהו-ה", ווייל: "לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי יהו-ה".

און ווי אזוי זאגן אונז די הייליגע ספרים הק'..?! אז אל"ף איז דאך: "אֱמוּנָה", און בי"ת איז דאך: "בִּטָּחוֹן", און אויב מען פארמאגט די צוויי זאכן פון: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָּחוֹן" אין דעם הייליגן באשעפער, קומט דאך דעמאלט'ס גלייך א גימ"ל, און וואס איז א גימ"ל..?! און די תירוץ אויף דעם איז דאך, אז א גימ"ל איז דאך: "גְּאוּלָה" – א גימ"ל איז דאך די גרויסע: "גְּאוּלָה שְׁלֵמָה", ווייל יא ר' יוד, אויב מיר וועלן אלע האבן א אמת'ע ריינע: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָּחוֹן" אין דעם הייליגן באשעפער, ווען מיר דאך שוין דעמאלט'ס אלע קענען זוכה זיין צו דעם גרויסן גימ"ל – ווען מיר דאך שוין דעמאלט'ס אלע קענען זוכה זיין צו די גרויסע: "גְּאוּלָה שְׁלֵמָה" וואס וועט דאך אונז שוין טאקע בקרוב ממש באפרייען פון דעם שווער'ן ביטער'ן: "גָּלוּת אֱדוֹם" וואו מיר געפונען זיך יעצט, ווייל: "בזכות האמונה נגאלו אבותינו ממצרים", און אין דעם זכות פון: "אֱמוּנָה" ווען מיר דאך אלע בעזרת השם יתברך אויך זוכה זיין ארויס צו גיין פון דעם יעצטיג'ן שווער'ן ביטער'ן: "גָּלוּת אֱדוֹם בְּקָרוֹב מַמָּשׁ בְּבִיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וּבְבִנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הַשְּׁלִישִׁי בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ":

וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם וגו' וַיִּקְרְבוּ יְמֵי יִשְׂרָאֵל לָמוּת וַיִּקְרָא לִבְנוֹ לְיוֹסֵף וגו': לכאורה איז דאך שווער דא א מורא'דיגע קשיא, ווייל פארוואס שטייט דא אין פסוק דעם לשון אז: וַיְחִי "יַעֲקֹב", און גלייך נאך דעם טוישט די פסוק איר לשון, און די פסוק זאגט אונז דא גלייך נאך דעם דעם לשון פון: וַיִּקְרְבוּ יְמֵי "יִשְׂרָאֵל" לָמוּת..?! פארוואס איז די פסוק אוועק געגאנגען פון איר ערשט'ן לשון: "יַעֲקֹב" און גענומען דעם נאמען: "יִשְׂרָאֵל"..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז מיר האבן דאך פשוט נישט גוט אפ געלערנט דעם פסוק דא, ווייל מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז חז"ל זאגן דאך אונז שוין בפירוש, אז: "יַעֲקֹב אָבִינוּ לֹא מֵת" – אז יעקב אבינו איז דאך קיינמאל נישט געשטארבן, נאר ער איז ארויף לעבעדיגערהייט אויבן אין הימל, און אויב עס איז טאקע אמת אז יעקב אבינו איז דאך קיינמאל נישט געשטארבן, איז ווי אזוי קען דעמאלט'ס שטיין אין פסוק דא אז: וַיִּקְרְבוּ יְמֵי "יִשְׂרָאֵל" לָמוּת – איז ווי אזוי קען דעמאלט'ס שטיין אין פסוק דא אז עס האט זיך דער נענטער'ט די טעג פון "יעקב אבינו" צו זיין "שטארבן", עס קען דאך נישט זיין אזא זאך..?! ווייל חז"ל זאגן אונז דאך אונז שוין בפירוש אז: "יַעֲקֹב אָבִינוּ לֹא מֵת" – ווייל חז"ל זאגן דאך אונז שוין בפירוש אז יעקב אבינו איז דאך קיינמאל נישט געשטארבן, נאר ער איז ארויף לעבעדיגערהייט אויבן אין הימל..?!

און אויב יעקב אבינו איז קיינמאל נישט געשטארבן, דעמאלט'ס איז דאך נישט שייך קיין "קריבה" צו זיין שטארבן – דעמאלט'ס איז דאך נישט שייך קיין "נאנט'קייט" צו זיין שטארבן, און ממילא ווי אזוי קענען מיר דעמאלט'ס בכלל אפ לערנען פשוט פשט אין דעם פסוק דא און זאגן אז: וַיִּקְרְבוּ יְמֵי "יִשְׂרָאֵל" לָמוּת מיינט צו זאגן אז עס האט זיך דער נענטער'ט די טעג פון יעקב אבינו צו זיין "שטארבן", עס קען דאך נישט זיין אזא זאך..?! ווייל חז"ל זאגן אונז דאך אונז שוין בפירוש אז: "יַעֲקֹב אָבִינוּ לֹא מֵת"..?!

און ממילא וועגן דעם מוז מען דאך על כרחך אפ לערנען פשט אין דעם פסוק דא אז מען רעדט דאך טאקע נישט דא פון די "שטארבן" פון "יעקב אבינו", ווייל אויב חז"ל זאגן אונז אז: "יַעֲקֹב אָבִינוּ לֹא מֵת", דעמאלט'ס איז דאך: "יַעֲקֹב אָבִינוּ לֹא מֵת"..! און עס איז דאך נישט פארהאן קיין שום פשרות אין דעם.

און וועגן דעם טאקע האט די פסוק: "מְשַׁנֶּה" געווען פון איר פריער'דיגע לשון, און די פסוק האט אונז דא ווייטער געזאגט דעם לשון, אז: וַיִּקְרְבוּ יְמֵי "יִשְׂרָאֵל" לָמוּת, און די כוונה פון דעם פסוק דא איז דאך געווען, אז דאס וואס איך האב דיר דא געזאגט אז: "וַיְחִי יַעֲקֹב" בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם – אז דאס וואס איך האב דיר דא געזאגט אז יעקב אבינו האט געלעבט אין דעם לאנד מצרים.. מיינט דאך טאקע פשוטו כמשמעו, ווייל יא ר' יוד, אונזער הייליגע זיידע יעקב אבינו האט דאך טאקע "געלעבט" אין דעם טמא'נעם לאנד

מצרים, און ער האט זיך דאך טאקע שטענדיג מחזק געווען מיט: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָּחוֹן" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים" טראץ דעם וואס ער האט זיך דאך געפונען אין דעם ערגסט'ן טומאה וואס ווערט אָן גערופן "טומאת מצרים" וואס איז דאך ממש דעם שטערקסט'ן "כח הטומאה" וואס עס איז נאר פאראן אויף דער וועלט, ווייל אלע מענטשן פון דעם גאנצן לאנד מצרים זענען דאך געווען: "שְׁטוּפֵי זִמָּה", אזוי ווי עס ווערט דאך שוין טאקע קלאר מבואר אין די ספרים הק', אז די גאנצע געדאנק פון: "מִצְרַיִם" סימבאלאזירט דאך נאר: "שְׁטוּפֵי זִמָּה".

און מען זעהט דאך שוין טאקע אויך, אז בשעת ווען די יודישע קינדער האבן שוין געדארפט ארויס גיין פון דעם טמאנ'עם לאנד מצרים, האט דעמאלט'ס דער אייבערשטער געמאכט אז מען זאל זיי "ארויס טרייבן" פון דעם לאנד מצרים, אבער איין מינוט, פארוואס טאקע..?! פארוואס טאקע האט אויס געפעלט אז: "כִּי גֹרְשׁוּ מִמִּצְרַיִם" – פארוואס טאקע האט אויס געפעלט "ארויס צו טרייבן" די יודישע קינדער פון דעם לאנד מצרים..?! זיי גייען דאך שוין סיי ווי סיי ארויס..?! און ממילא פארוואס האט אויס געפעלט "ארויס צו טרייבן" די יודישע קינדער בשעת'ן גיין..?!

און חוץ פון דעם ווייסן מיר דאך שוין טאקע אלע אויך, אז פרעה האט דאך בעצם בכלל נישט "געוואלט" ארויס שיקן די יודישע קינדער פון זיין לאנד, נאר ער האט פשוט נישט געהאט קיין אנדערע ברירה, ווייל פרעה האט דאך געציטער'ט פאר זיין לעבן אז ער וועט אויך שטארבן צוזאמען מיט אלע אנדערע בכורים ביי "מכת בכורות", און ממילא וועגן דעם האט ער ארויס געשיקט די יודישע קינדער "בלית ברירה", אבער אין אמת'ן.. האט ער דאך זיי בעצם בכלל נישט געוואלט ארויס שיקן, און לויט דעם איז דאך לכאורה שווער דא א מורא'דיגע קשיא, ווייל פארוואס האט פרעה "ארויס געטריבן" די יודישע קינדער..?! די יודישע קינדער גייען דאך שוין יעצט סיי ווי סיי ארויס..?! און די יודישע קינדער האלטן דאך שוין יעצט אינמיטן אריבער גיין דעם טויער פון מצרים..?! און ממילא פארוואס האט זיי דא פרעה געדארפט "ארויס טרייבן" פון זיין לאנד מצרים..?!

און בכלל.. איז דאך שווער, ווייל משה רבינו האט דאך שוין געהאט צו געזאגט פאר פרעה אינמיטן די נאכט: "כַּחֲצֹת הַלַּיְלָה" אז פרעה אליין וועט נישט שטארבן ביי די מכה פון "מכת בכורות", [ווייל איהם דארף מען נאך האבן לעבעדיגערהייט פאר "קריעת ים סוף", כדי אז ער זאל קענען זעהן די אלע: "נִסִּים וְנִפְלָאוֹת" וואס דער אייבערשטער וועט מאכן פאר די יודישע קינדער ביי "קריעת ים סוף"], און לויט די אלע זאכן איז דאך לכאורה גאר גאר שווער צו פארשטיין פארוואס פרעה האט געדארפט "ארויס טרייבן" די יודישע קינדער פון דעם לאנד מצרים, פרעה האט דאך שוין געהאט א קלאר'ע "הבטחה" פון משה רבינו אז ער וועט נישט שטארבן – פרעה האט דאך שוין געהאט א קלאר'ע "צו זאג" פון משה רבינו אז ער וועט נישט שטארבן..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז דא איז דאך טאקע געלעגן באהאלטן גאר גאר א גרויסע "נס" פון דעם הייליגן באשעפער, ווייל דער הייליגער באשעפער האט דאך טאקע דא געמאכט א "נס", אז דער זעלב'ער פרעה וואס האט געהאט געשריגן אזוי פיל מאל אז: וְגַם אֶת יִשְׂרָאֵל "לֹא" אֲשַׁלֵּחַ, האט יעצט "ארויס געטריבן" די יודישע קינדער מיט זיין אייגענ'ע הענט פון זיין לאנד מצרים, און ער האט זיי יעצט "ארויס געטריבן" פון זיין לאנד מצרים ממש אזוי ווי איינער וואס פאר טרייבט זיין גרעסטע "שונא" פון זיך.

און עס שטייט דאך שוין טאקע אויך בפירוש אין חז"ל, אז די סיבה פארוואס דער אייבערשטער האט אזוי געמאכט איז געווען, ווייל די "טומאת מצרים" איז דאך געווען גאר גאר שטארק, און עד כדי כך איז די "טומאת מצרים" געווען שטארק.. אז אויב די יודישע קינדער וואלטן זיך נאך געפונען נאך איין רגע אין דעם טמא'נעם לאנד מצרים, דעמאלט'ס וואלטן זיי דאך שוין ח"ו אריין געפאלן אין די נ' שערי טומאה, און פון די נ' שערי טומאה וואלטן זיי דאך שוין קיינמאל מער נישט געקענט ארויס קומען ח"ו, אבער על כל פנים.. זעהט מען דאך שוין פון דעם ווי גרויס די "טומאת מצרים" איז געווען.

און ממילא קומען מיר דא יעצט צוריק צו דאס וואס מיר האבן פריער געשמועס'ט, און מיר זאגן דא יעצט אלע אזוי, אז דאס וואס דער הייליגער תורה הק' זאגט אונז דא אז: "וַיְחִי יַעֲקֹב" בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם – אז דאס וואס דער הייליגער תורה הק' זאגט אונז דא אז "יעקב אבינו האט געלעבט אין דעם לאנד מצרים".. מיינט דאך טאקע פשוטו כמשמעו, און דאס מיינט דאך טאקע צו זאגן אז אונזער הייליגע זיידע "יעקב אבינו" האט "געלעבט" אין דעם טמא'נעם לאנד מצרים, און טראץ דעם וואס ער האט זיך געפונען אין דעם ערגסט'ן טומאה וואס ווערט אָן גערופן: "טומאת מצרים", און ער האט געוואוסט ביי זיך אז זיינע קינדער וועלן דאך נאך נעבעך מוזן א דורך גיין אזא שווערע גלות אין דעם שרעקליכ'ן "טומאת מצרים", האט ער זיך אבער נאך אלץ נישט פארלוירן, נאר ער האט זיך דאך שטענדיג מחזק געווען מיט: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָחוֹן" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים" אז דער אייבערשטער וועט דאך שוין זיכער שטענדיג האלטן זיין רעכטע האנט אויף זיינע אלע קינדער און אייניקלעך.

און: "וַיְחִי יַעֲקֹב" – און יעקב אבינו האט "געלעבט" מיט א אמת'ע: "שִׂמְחָה", אבער דו ווייסט אין וועלכע פלאץ ער האט געלעבט..?! ער האט געלעבט: "בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם" – ער האט געלעבט אין דעם טמא'נעם לאנד מצרים וואס איז דאך געווען מלא וגדיש מיט כוחות פון די "סטרא אחרא", און יא ר' יוד, "דארטן" האט יעקב אבינו באוויזן א קונץ און "געלעבט" מיט א אמת'ע: "שִׂמְחָה" צוזאמען מיט: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָחוֹן" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים" אז דער אייבערשטער ווייסט דאך שוין זיכער וואס ער טוט.

און ניין ר' יוד, דו זאלסט וויסן אז: "יַעֲקֹב אָבִינוּ לֹא מֵת" – דו זאלסט וויסן אז יעקב אבינו איז קיינמאל נישט אריין אין דעם מצב פון: "מת מעבודת השם", נאר פארקערט, ער האט שטענדיג פראבירט צו דינען דעם הייליגן באשעפער אין סיי וועלכע מצב ער איז נאר געווען, און די ווארט: "מֵת" איז דאך טאקע אויך די זעלבע אותיות ווי די ווארט: "תָּם", ווייל ניין ר' יוד: "יַעֲקֹב אָבִינוּ לֹא מֵת" – יעקב אבינו איז קיינמאל נישט אוועק זיין פון זיין: "תְּמִימוּת", נאר ער איז שטענדיג געגאנגען מיטן אייבערשטן: "בִּתְּמִימוּת וּבִפְּשִׁיטוּת", און: "וַיִּתְחַזֵּק יִשְׂרָאֵל" – און ער האט זיך דאך שטענדיג מחזק געווען מיט: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָחוֹן" אין דעם הייליגן באשעפער, אז: "כִּי לֹא יִטֹּשׁ יהו-ה עַמּוֹ וְנַחֲלָתוֹ לֹא יַעֲזֹב" – אז דער אייבערשטער וועט דאך אונז זיכער קיינמאל נישט פאר לאזן.

ווייל אויב דער אייבערשטער האט מיר צו געזאגט אז: "אָנֹכִי אֵרֵד עִמְּךָ מִצְרַיְמָה" – ווייל אויב דער אייבערשטער האט מיר צו געזאגט אז איך גיי אראפ צוזאמען מיט דיר קיין מצרים, דעמאלט'ס האב איך דאך בכלל נישט פארוואס צו ווערן צובראכן, ווייל דער אייבערשטער געפונט זיך דאך לעבן מיר א יעדע רגע וואס איך געפון זיך דא אין דעם שווער'ן ביטער'ן "גלות מצרים".

און איך דארף נאר פשוט "האפן צום איהם", און דער אייבערשטער וועט דאך מיר שוין זיכער העלפן, און דעם: "לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי יהו-ה" איז דאך געווען: "שגור בפיו כל ימיו", אזוי ווי עס איז דאך שוין טאקע קלאר מבואר אין דער הייליגער תורה הק' אין די וואכעדיגע פרשה.

און גלייך נאך דעם וואס דער הייליגער תורה הק' האט אונז שוין מגלה געווען דעם סוד אז יעקב אבינו האט "געלעבט" א ערליכע יודישע הייליגע לעבן טראץ דעם וואס ער האט זיך נאך געפונען אין דעם טמאנ'עם לאנד מצרים, זאגט אונז דא די פסוק, אז: וַיִּקְרְבוּ יְמֵי "יִשְׂרָאֵל" – אז די טעג פון די: "בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" האבן זיך דאך שוין ליידער דער נענטער'ט: "לָמוּת" – צו שטארבן, פשוטו כמשמעו, און: וַיִּקְרְבוּ יְמֵי "יִשְׂרָאֵל" – און די טעג פון די: "בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" וואס: בְּשֵׁם "יִשְׂרָאֵל" יְכוּנֶה האבן זיך דאך שוין ליידער דער נענטער'ט: "לָמוּת" – צו שטארבן, פשוטו כמשמעו.

ווייל מען האט דאך שוין דא געהאלטן ממש פארן אריין גיין אין דעם שווער'ן ביטער'ן "גלות מצרים" וואס די מצריים האבן דאך דארטן אויס געשאכט'ן צענדליגע טויזנט'ער יודישע קינדער טאג טעגליך, סיי מיט דעם וואס זיי האבן געשאכטן צענדליגע טויזנט'ער יודישע קינדער פאר פרעה כדי אז ער זאל זיך קענען באדן אין זייער בלוט, און סיי מיט דעם וואס זיי האבן געגומען קליינע יודישע קינדער און זיי אריין

געבויעט אין די וועגט פון: "פִּתֹם וְרַעַמְסֵס", און סיי מיט דעם וואס די מצריים האבן אריין געווארפן יודישע קינדער אין דעם טייך נילוס, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק קומענדיגע וואך אין די פרשה (קפיטל א' פסוק כ"ב), אז פרעה האט דאך שוין דעמאלט'ס אליין אָן געזאגט פאר די מצריים, אז: "כָּל הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאֹרָה תַּשְׁלִיכֻהוּ" – אז מען זאל ארייןווארפן אין דעם טייך א יעדע יודיש יונגל וואס וועט נאר געבוירן ווערן.

און סיי מיט דעם וואס פרעה האט געהייסן הארגע'נען יודישע קינדער אָן קיין שום סיבה, אזוי ווי די פסוק זאגט דאך אונז שוין טאקע בפירוש קומענדיגע וואך אין די פרשה (קפיטל א' פסוק ט"ו און ט"ז), אז פרעה האט דאך שוין דעמאלט'ס אליין געזאגט פאר די יודישע הייבאמ'ס: "אֲשֶׁר שֵׁם הָאַחַת שִׁפְרָה וְשֵׁם הַשֵּׁנִית פּוּעָה", אז: "אִם בֵּן הוּא וַהֲמִתֶּן אֹתוֹ" – אז מען זאל פשוט הארגע'נען א יעדע יודיש יונגל וואס וועט נאר געבוירן ווערן, און אזוי ווייטער איז דאך געווען כל מיני וועגן ווי אזוי פרעה האט פשוט געשניטן שטיקער פון דעם יודיש'ן פאלק, און דאס איז דאך טאקע פשט פון די ווערטער: וַיִּקְרְבוּ יְמֵי "יִשְׂרָאֵל" לָמוּת, אז די טעג פון די: "בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" וואס: בְּשֵׁם "יִשְׂרָאֵל" יְכוּוֶה האבן זיך דאך שוין ליידער דער נענטער'ט: "לָמוּת" – צו שטארבן, פשוטו כמשמעו.

און מען זעהט דאך שוין פון דעם א מורא'דיגע זאך, ווייל מען זעהט דאך שוין פון דעם קלאר, אז די גאנצע "גלות מצרים" איז דאך נישט געווען מער ווי א פשוט'ע טויט לאגער, און איינמאל מען פארשטייט שוין טאקע באמת דעם געדאנק אז: "מִצְרַיִם" איז דאך געווען איין גרויסע פלאץ פון: "שפיכות דמי ישראל", קען מען דאך שוין דעמאלט'ס זייער גוט פארשטיין וואס די פסוק מיינט דא צו זאגן מיט די ווערטער: "וַיִּקְרְבוּ יְמֵי יִשְׂרָאֵל לָמוּת" – קען מען דאך שוין דעמאלט'ס זייער גוט פארשטיין וואס די פסוק מיינט דא צו זאגן מיט די ווערטער אז די טעג פון די: "בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" וואס: בְּשֵׁם "יִשְׂרָאֵל" יְכוּוֶה האבן זיך דאך שוין ליידער דער נענטער'ט: "לָמוּת" – צו שטארבן, "פשוטו כמשמעו".

אבער וואס איז די הקדמה צו דעם: "וַיִּקְרְבוּ יְמֵי יִשְׂרָאֵל לָמוּת"..?! און די תירוץ אויף דעם איז דאך, אז די הקדמה צו דעם: "וַיִּקְרְבוּ יְמֵי יִשְׂרָאֵל לָמוּת" איז דאך, אז: "וַיְחִי יַעֲקֹב" – אז יעקב אבינו האט "געלעבט"..! ווייל יעקב אבינו האט זיך דאך שטענדיג מחזק געווען מיט: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָּחוֹן" אין דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים" אז דער אייבערשטער וועט דאך זיכער קיינמאל נישט פאר לאזן זיינע טייערע ליכטיגע קינדער אין קיין שום מצב אויף דער וועלט, און יעקב אבינו האט זיך דאך בכלל נישט דערשראקן פון די גאנצע "גלות" וואס עס גייט דא קומען אויף זיינע קינדער, ווייל זיין הייליגע: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב" וואס איז דאך: "כל כולו טוב מתחילה ועד סוף" איז דאך געווען פעלזן פעסט.

און די הייליגע: "אֱמוּנָה" וואס יעקב אבינו האט געהאט אין דעם הייליגן באשעפער איז דאך בעצם בכלל נישט געווען אזוי גרינג ווי מען מיינט, ווייל יעקב אבינו האט זיך דאך שוין געפונען דעמאלט'ס אין דעם טמא'דיג'סטע פלאץ אויף דער וועלט, און יעקב אבינו האט דאך שוין דעמאלט'ס אויך געזעהן ברוח הקודש די הבטחה וואס דער אייבערשטער האט צו געזאגט פאר זיין הייליגע זיידע אברהם אבינו, אז: "וַעֲבָדוּם וְעִנּוּ אֹתָם אַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה" – אז מען גייט פייניגן זיינע אייניקל'עך פאר פיר הונדערט יאר (אלעס צוזאמען, כידוע), און נישט סתם פייניגן, נאר מען גייט דאך אויך "הארגע'נען" גאר גאר אסאך פון זיי, און די וואס וועלן שוין בלייבן לעבן, וועלן דאך אבער דארפן ארבעטן א: "עֲבֹדָה קָשָׁה", אבער נישט סתם א: "עֲבֹדָה קָשָׁה", נאר א: "עֲבֹדָה קָשָׁה" וואס איז א: "עבודה המפרכת את הגוף ומשברתו" – נאר א ארבעט וואס צוברעכט אינגאנצן די גוף פון א מענטש.

אבער טראץ דעם וואס יעקב אבינו האט דאס אלעס געוואוסט, און ער האט דאך שוין געזעהן דא מיט די אייגענ'ע אויגן דעם: "וַיִּקְרְבוּ יְמֵי יִשְׂרָאֵל לָמוּת", איז אבער נאך אלץ געווען: "וַיְחִי יַעֲקֹב" – האט אבער יעקב אבינו נאך אלץ אויף "געלעבט" מיט א פריש'ע חיות און מיט א ריינע: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן:

"מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב" וואס איז דאך: "כל כולו טוב מתחילה ועד סוף", און: "וַיִּתְחַזֵּק יִשְׂרָאֵל" – און יעקב אבינו האט זיך דאך געשטארקט מיט: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָחוֹן" אין דעם הייליגן באשעפער וואס: "מֵאִתּוֹ לֹא תֵצֵא הָרָעוֹת", ווייל יעקב אבינו האט דאך שוין גאנץ גוט געוואוסט: "בִּידִיעָה בְרוּרָה וּבֶאֱמוּנָה שְׁלֵמָה" אז דער אייבערשטער פאר לאזט דאך קיינמאל נישט קיין שום יודיש קינד, נאר דער אייבערשטער שטייט דאך שטענדיג לעבן א יודיש קינד, און ער היט דאך איהם שטענדיג אפ פון אלעם בייזען און פון אלעם שלעכט'ן וואס עס איז נאר שייך אויף דער וועלט.

און מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע אויך ביי קריאת שמע שעל המטה א יעדע נאכט, אז: "הִנֵּה לֹא יָנוּם וְלֹא יִישָׁן" – אז דער אייבערשטער שלאפט דאך קיינמאל נישט, און דער אייבערשטער דרימל'ט דאך אויך קיינמאל נישט, נאר: "שׁוֹמֵר יִשְׂרָאֵל" – נאר ער היט דאך שטענדיג אויף א יעדע יודיש קינד באזונדער, און א יעדער איינער וואס איז נאר א "חלק" פון כלל "ישראל" פארמאגט דאך אויף זיך שטענדיג א "שמירה עליונה", און פארשטייט זיך אז: "כל אחד ואחד לפי מדריגתו" – און פארשטייט זיך אז א יעדער איינער האט דאך דאס אויף זיין מדריגה, אבער א פשוט'ע "שמירה".. האט דאך שוין א יעדע פשוט'ע יוד שטענדיג, ווייל אויב טראגסטו דעם נאמען: "יִשְׂרָאֵל", האסטו דאך שוין דעמאלט'ס גלייך לעבן דיר דער גרויסער: "שׁוֹמֵר יִשְׂרָאֵל".

אבער דאס איז דאך נאר ווען די יודישע קינדער פירן זיך טאקע אויף אזוי ווי א "כלל" ישראל, און די ווארט: "כלל" ווייזט דאך אויף א ענין פון: "אַחְדוּת", ווייל א "כלל" איז דאך ווען א יעדער איינער איז "צוזאמען" און איניג: "בְּאַחְדוּת", און משא"כ א "פרט" איז, ווען א יעדער איינער איז "באזונדער" – ווען א יעדער איינער איז "פאר זיך אליין" און עס איז נישט דא קיין: "אַחְדוּת" און שלום צווישן יודישע קינדער, און דאס איז דאך טאקע אונזער געדאנק דא, אז א יודיש קינד דארף דאך זיין א חלק פון "כלל" ישראל, און אז א יודיש קינד דארף זיך דאך שטענדיג פירן: "בְּאַהֲבָה וְאַחֲוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת".

ווייל דער אייבערשטער זאגט דאך שוין שטענדיג פאר די יודישע קינדער, אז אויב עס איז דא דעם: "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ", דעמאלט'ס איז דא דער: "אֲנִי יהו-ה", אבער אויב עס איז נישט ח"ו נישט דא דעם: "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ", דעמאלט'ס זאגט דער הייליגער באשעפער אז איך בין נישט דיין טאטע, ווייל איך האב דאך א זוהן וואס הייסט יענק'ל, און אויב פירסטו זיך נישט אויף מיט מיין זוהן יענק'ל ברודער'לעך, דעמאלט'ס בין איך דאך נישט דיין טאטע, ווייל נאר אויב יענק'ל איז דיין ברודער.. דעמאלט'ס בין איך דיין טאטע, ווייל איך האב דאך א זוהן וואס הייסט יענק'ל.

און מען זעהט דאך שוין טאקע אויך ביי אברהם אבינו, אז אברהם אבינו האט דאך שוין געזאגט פאר די פאסטעכער פון לוט, אז דו ווייסט וואס די "יסוד" פון א יודיש קינד איז..?! איך וועל דיר זאגן וואס די יסוד פון א יודיש קינד איז, די יסוד פון א יודיש קינד איז, אז: "אַל נָא תְהִי מְרִיבָה בֵּינִי וּבֵינֶיךָ" – אז "לאמיר זיך נישט קריגן צווישן זיך"..! און ממילא לאמיר זיך נישט קריגן מער צווישן אונז, ווייל: כִּי אֲנָשִׁים "אַחִים" אֲנָחְנוּ – ווייל מיר זענען דאך אלע ברודער'ס פון איין טאטן, און נאר אויב מען לעבט: "בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה" קען מען דאך זוכה זיין אז די תפילות זאלן אָן געגומען ווערן אויבן אין הימל.

ווייל וואס איז דען א יודיש קינד בכלל אויב נישט: "אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל"..?! די ווארט: "אַהֲבָה" – איז דאך גימטריא: "אֶחָד"..?! ווייל יא ר' יוד, אויב ווילסטו זיין נאנט צום: "אֶחָד" יָחִיד וּמְיוּחָד, דעמאלט'ס מוזטו זיך דאך אויף פירן: "בְּאַהֲבָה" וְאַחֲוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת, ווייל נאר אויב מען לעבט: "בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה" קען מען דאך זוכה זיין אז די תפילות זאלן אָן גענומען ווערן אויבן אין הימל.

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין די ווארט: "שַׁלְוָה", ווייל די ווארט: "שַׁלְוָה" – איז דאך טאקע אויך ראשי תיבות: "**הַב לָן שְׁ**אִלְתִּין **ו**ּבָעוּתִין", ווייל יא ר' יוד, נאר אויב עס איז דא: "שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה" צווישן יודישע קינדער, און עס הערשט א: "אַחְדוּת" צווישן יודישע קינדער, קען מען דעמאלט'ס זוכה זיין צו דעם ברכה פון: "הַב לָן שְׁאִלְתִּין וּבָעוּתִין" – קען מען דעמאלט'ס זוכה זיין אז דער

אייבערשטער זאל אונז נאך געבן אונזערע תפילות ובקשות, און: "וִימַלֵּא יהו-ה כָּל מִשְׁאֲלוֹת לִבֵּנוּ לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה".

אבער אויב א מענטש איז ח"ו פוגם אין דעם דיבור, און עס הערשט נישט קיין: "שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה" צווישן יודישע קינדער, נאר עס הערשט ח"ו א קריגערייי צווישן יודישע קינדער, קענען דעמאלט'ס זיינע תפילות נישט אָן גענומען ווערן אויבן אין הימל, ווייל עס פעלט דאך דעם: "שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה" וואס איז דאך: "שמו של הקדוש ברוך הוא" כידוע, און עס איז דאך שורה א רוח פון "מחלוקת", און "מחלוקת" פאר טרייבט דאך ח"ו די הייליגע שכינה וואס געפונט זיך דאך צווישן אונז, און ממילא ווענגן דעם קען מען ליידער נישט זוכה זיין אז די תפילות זאלן אָן גענומען ווערן אויבן אין הימל אויב עס איז שורה א רוח פון "קריגערייי" און "מחלוקת".

און די ענין פון פוגם זיין אין דעם דיבור מיינט דאך נישט דוקא צו זאגן אז מען רעדט: "דְּבָרִים הָאֲסוּרִים", נאר פוגם זיין אין דעם דיבור מיינט דאך אויך אויב מען טוט ח"ו ווי א צווייטן: "באונאת דברים", ווייל ווען איינער טוט ח"ו ווי זיין חבר: "באונאת דברים" איז ער דאך דעמאלט'ס עובר אויף דעם הארב'ן איסור תורה פון: "וְלֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ", און די גמרא אין מסכת בבא מציעא (דף: נ"ח עמוד ב') איז דאך שוין טאקע מבאר די הארב'קייט פון דעם הארב'ן איסור פון: "וְלֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ".

און די גמרא זאגט דאך אונז שוין טאקע דארטן, אז וואס מיינט: "אונאת דברים"..?! ענטפערט אונז אויף דעם די גמרא דארטן א תירוץ מיט א משל, און די גמרא זאגט דאך אונז שוין דארטן, אז [למשל]: "אם היה בעל תשובה" – אז אויב איינער איז געווארן אמאל א "בעל תשובה", דעמאלט'ס: "אל יאמר לו זכור מעשיך הראשונים" – דעמאלט'ס זאלסטו איהם נישט זאגן אז.. דו געדענקס'ט אז דו האסט אמאל געטוהן אזא און אזא סארט עבירה..?! יא..?! דו טארס'ט דאך דאס נישט זאגן ר' יוד, ווייל דאס איז דאך ממש: "אונאת דברים", ווייל דו טשעפעס'ט דאך דיין חבר מיט דעם, און דו ביזט דאך איהם ממש: "מַשְׁפִּיל" ביז צו דער ערד דורך דיינע שפיציג'ע ווערטער, און ווי אזוי מעג מען דען אזוי ווי טוהן א יודיש קינד..?! און ווי אזוי מעג מען דען אזוי: "מַשְׁפִּיל" זיין א יודיש קינד..?! ווער האט דיר דען געגעבן דיין מויל אז דו מיינס'ט שוין אז דו קענסט שוין מיט דעם: "מַשְׁפִּיל" זיין דיין חבר..?!

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם ווארט: "מַשְׁפִּיל", און ווען א מענטש וויל ח"ו אמאל: "מַשְׁפִּיל" זיין א חבר, זאל ער זיך דעמאלט'ס גוט איין קוקען אין דעם ווארט: "מַשְׁפִּיל", און ער זאל זיך דעמאלט'ס גלייך אליין דערמאנען, אז די ווארט: "מַשְׁפִּיל" – איז דאך טאקע אויך ראשי תיבות: "**מִי שָׂם פֶּה לָאָדָם** יהו-ה" – אז ווער האט דיר דען געגעבן דיין מויל אז דו מיינס'ט שוין אז דו קענסט שוין: "מַשְׁפִּיל" זיין מענטשן מיט דעם..?! דער: "יהו-ה" – דער "אייבערשטער" האט דאך דיר געגעבן דיין מויל..! און ממילא ווי אזוי קענסטו נעמען א זאך וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן כדי אז דו זאלסט דאס נוצן פאר תורה ותפילה.. און דאס ארום דרייען פאר א שפיציג'ע שווערד און הארגע'נען מענטשן מיט דעם..?! ווי אזוי מעג מען טוהן אזא זאך..?!

און די גמרא אין מסכת בבא מציעא (דף: נ"ט עמוד ב') איז דאך אונז שוין טאקע אויך קלאר מסביר דעם פסוק פון: "וְלֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ", און די גמרא זאגט דאך אונז שוין דארטן אויך קלאר, אז די כוונה פון דעם פסוק: "וְלֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ" איז דאך, אז: "עם שאתך בתורה ובמצות אל תונהו" – אז דיין חבר וואס איז מקיים תורה ומצות פונקט ווי דיר זאלסטו ח"ו קיינמאל נישט ווי טוהן, ווייל מיר האבן דען א השגה בכלל וואס דאס מיינט א יודיש קינד וואס איז מקיים תורה ומצות..?! מיר האבן דאך ניט אמאל קיין שום השגה בכלל וואס דאס מיינט א יודיש קינד וואס איז מקיים דעם: "רְצוֹן הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא".

און ממילא ווען א יודיש קינד מאכט דעם: "וַיְחִי יַעֲקֹב" צוזאמען מיט דעם: "וַיִּתְחַזֵּק יִשְׂרָאֵל", דארף ער דאך דעמאלט'ס זיכער מאכן אז ער מאכט דאס טאקע אויפן ריכטיג'ן וועג, און נישט ח"ו: "מַשְׁפִּיל" זיין א צווייטן דורך דיינע הצלחות און שטארקייטן, ניין ניין ניין, נאר פארקערט, הייב זיך אליין אויף, און הייב

אויך אויף "דיין חבר" צוזאמען מיט דיר, און א יודיש קינד דארף דאך טאקע אויך שטענדיג געדענקען, אז איך קען דאך בעצם קיינעם נישט: "מַשְׁפִּיל" זיין, און איך קען דאך בעצם אויך קיינעם נישט גרויס מאכן, ווייל דער אייבערשטער איז דאך דער איינציגסט'ער וואס איז עוסק אין אזעלכע זאכן ווי: "מִי יִשָּׁפֵל וּמִי יָרוּם", און דער אייבערשטער איז דאך דער איינציגסט'ער: "מַשְׁפִּיל גֵּאִים עֲדֵי אָרֶץ", און דער אייבערשטער איז דאך דער איינציגסט'ער: "מַגְבִּיהַּ שְׁפָלִים עֲדֵי מָרוֹם".

און עס איז דאך נישט דא אזא זאך אז א מענטש זאל זאגן אז איך בין: "מַשְׁפִּיל" א צווייטן און איך מאך גרויס א צווייטן, ווייל נאר דער "אייבערשטער" קען גרויס מאכן, און נאר דער "אייבערשטער" קען קליין מאכן, אזוי ווי מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע א יעדן טאג ביים דאווענען, אז: "מַשְׁפִּיל גֵּאִים עֲדֵי אָרֶץ" – אז דער אייבערשטער איז דאך: "מַשְׁפִּיל" א בעל גאוה ביז צו דער ערד, אבער פון די אנדערע זייט איז ער דאך אבער אויך א: "מַגְבִּיהַּ שְׁפָלִים עֲדֵי מָרוֹם" – אבער פון די אנדערע הייבט ער דאך אבער אויך אויף א נידריגע ארימ'ע מענטש ביז צום הימל, ווייל נאר דער "אייבערשטער" קען דאך טוהן די סארט ארבעט.

און מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע אויך ראש השנה און יום כיפור ביים דאווענען, אז דער "אייבערשטער" איז דאך דער וואס שרייבט אפ קלאר: "מִי יִשָּׁפֵל" – ווער עס זאל דער נידער'ט ווערן, און: "וּמִי יָרוּם" – און ווער עס זאל דערהויבן ווערן, ווייל די סארט ארבעט באלאנגט דאך אויס דרוק'לעך נאר פארן "אייבערשטן", און קיינער פון אונז קען דאך נישט צו רירן צו די סארט ארבעט און אליין: "מַשְׁפִּיל" זיין איינעם אדער אליין אויף הייבן איינעם, ווייל דער אייבערשטער שרייבט דאך שוין פונקטליך אפ ועמען: "מַשְׁפִּיל" צו זיין, און וועמען גרויס צו מאכן, און ממילא מיר האבן דאך אפילו נישט קיין האנט אין דעם.

און אויב א פשוט'ע מענטש וועט ח"ו יא וועלן אראפ קלאפן א צווייטן, דארף ער זיך דאך שוין דעמאלט'ס גאר גאר שטארק אכטונג געבן, ווייל דער אייבערשטער קען דאך נאך מאכן א גאנצע "פּוּרִים" פון דעם און אויס דרייען די "השפלות" [וואס דו האסט פראבירט: "מַשְׁפִּיל" צו זיין דיין חבר] אויף דיר ח"ו, און ממילא עס לוינט זיך דאך פשוט נישט עוסק צו זיין אין אזעלכע הארבע ענינים ווי: "מִי יִשָּׁפֵל וּמִי יָרוּם", נאר לאמיר אלע ענדערש שטיין ווייט: "כִּמְטַחֲוֵי קֶשֶׁת" פון די אלע סארטן זאכן, און לאמיר לאזן דעם ענין פון: "מִי יִשָּׁפֵל וּמִי יָרוּם לִפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא".

און עס איז דאך טאקע אויך כדי אָן צו מערקן דא גאר גאר א אינטרעסאנט'ע נקודה, און דאס איז דאך, אז די וואך ווערט דאך שוין דערמאנט "פינעף מאל" דעם ענין פון: "הִתְחַזְּקוּת", און די פינעף מאל זענען ווי פאלגענד:

1) ווייל מיר גייען דאך אלע ליינען אין די וואכעדיגע פרשה די ווערטער פון: "וַיִּתְחַזֵּק" יִשְׂרָאֵל וגו'.

2) ווייל מיר גייען דאך אלע דערמאנען די וואך אין די הפטורה די ווערטער פון: "וְחָזַקְתָּ" וְהָיִיתָ לְאִישׁ.

3) ווייל מיר גייען דאך אלע אויס שרייען הויעך די וואך שבת קודש אין בית המדרש דעם: "חֲזַק".

4) ווייל מיר גייען דאך אלע איבער חזר'ן די וואך שבת קודש אין בית המדרש נאך אמאל דעם: "חֲזַק".

5) ווייל מיר גייען דאך אלע אויס שרייען הויעך די וואך שבת קודש אין בית המדרש דעם: "וְנִתְחַזֵּק" – אז לאמיר זיך אלע צוזאמען שטארקן.

און די "פינעף" זאכן גייט דאך טאקע ארויף אויף די "פינעף" סארטן מצבים וואו א יודיש קינד קען זיך נאר געפונען, און אין די אלע "פינעף" סארטן מצבים וואו א יודיש קינד קען זיך נאר געפונען, דארף ער

זיך דאך אבער שטענדיג קענען "דער האלטן" און טרעפן "חיזוק" אין זיין מצב וואו ער געפונט זיך, און די פינעף סארטן מצבים וואו א יודיש קינד קען זיך נאר געפונען זענען דאך ווי פאלגענד:

1) ווען א יודיש קינד איז ברוך השם א: "צדיק גמור".

2) ווען א יודיש קינד איז ליידער א: "רשע גמור".

3) ווען א יודיש קינד איז א: "בינוני".

4) ווען א יודיש קינד האלט ביי זיך אז ער איז נאך אפילו ערגער ווי דעם: "רשע גמור".

5) ווען א יודיש קינד איז נאך נישט זיכער ביי זיך אין וועלכע גרופע ער ווערט אריין גערעכנט.

און די אלע סארטן מענטשן האבן זיך אבער נאך אלץ מיט וואס "מחזק" צו זיין, ווייל א יודיש קינד דארף דאך שטענדיג געדענקען, אז איך בין דאך א: "חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַּעַל", ווייל: "קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וְאוֹרַיְתָא וְיִשְׂרָאֵל חַד הוּא", און אויב דער אייבערשטער געפונט זיך דאך צוזאמען מיט מיר א יעדע רגע פון דעם טאג, דעמאלט'ס האב איך דאך נישט פון וואס מורא צו האבן, און אויב דער אייבערשטער געפונט זיך דאך צוזאמען מיט מיר א יעדע רגע פון דעם טאג, דעמאלט'ס בין איך דאך די גליקלעכ'סטע מענטש אויף דער וועלט.

און געב נאר א קוק אויף די יודישע קינדער וואס זענען געווען אין דעם טמא'נעם לאנד מצרים, ווייל די יודישע קינדער וואס האבן זיך געפונען אין דעם טמא'נעם לאנד מצרים האבן זיך דאך שוין ליידער געפונען אין דעם ערגסט'ן "טומאת מצרים" וואס עס איז נאר פארהאן אויף דער וועלט, אבער.. זיי האבן זיך אבער נאך אלץ "מחזק" געווען מיט דעם וואס זיי זענען א: "חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַּעַל", און טראץ דעם וואס זיי זענען געווען אין די מ"ט שערי טומאה, האבן זיי זיך אבער נאך אלץ נישט געלאזט צוברעכן, נאר פונקט פארקערט, זיי האבן זיך שטענדיג "מחזק" געווען מיט דעם וואס זיי זענען א: "חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַּעַל".

און די ראשי תיבות פון די ווערטער: "**חֵ**לֶק **אֱ**לֹקֵי **מִ**מַּעַל" – איז דאך טאקע אויך גימטריא: מ"ט, ווייל יא ר' יוד, אפילו אזא איינער וואס געפונט זיך ליידער אין די מ"ט שערי טומאה האט זיך אבער נאך אלץ מיט וואס "מחזק" צו זיין, אבער איין מינוט, מיט וואס טאקע..?! מיט וואס דארף זיך טאקע א מענטש מחזק זיין בשעת ווען ער געפונט זיך אין די מ"ט שערי טומאה..?!

און די תירוץ אויף דעם איז דאך, אז ער דארף זיך דאך דעמאלט'ס מחזק זיין מיט דעם וואס ער איז א: "**חֵ**לֶק **אֱ**לֹקֵי **מִ**מַּעַל", און ער דארף זיך דאך דעמאלט'ס שפירן גליק'לעך אז ער איז דאך א יודיש קינד וואס קען זיך נאך שלאגן מיט די טמא'נע "סטרא אחרא", ווייל א "גוי" קען זיך דאך שוין נישט שלאגן מיט די "סטרא אחרא", ווייל א "גוי" איז דאך איין שטיק "טומאה", אבער משא"כ א יודיש קינד איז דאך א: "חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַּעַל" וואס איז דאך איין שטיק "קדושה", און ממילא וועגן דעם דארפסטו דאך אויך זיין גליק'לעך און צופרידן אין א יעדע מצב וואו דו ביזט נאר, ווייל דו ביזט דאך א: "חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַּעַל", און געב נאר א קוק וואו די יודישע קינדער אין מצרים זענען נעבעך געווען, זיי זענען דאך שוין נעבעך געווען דעמאלט'ס אין דעם ערגסט'ן "טומאת מצרים", אבער.. זיי האבן זיך אבער קיינמאל נישט פארלוירן, נאר זיי האבן זיך שטענדיג געשטארקט מיט די ווערטער אז איך בין דאך א: "חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַּעַל".

און זיי האבן דאך דעמאלט'ס געהאלטן און איין חזר'ן: "דִּבּוּרֵי אֱמוּנָה", און זיי האבן דאך דעמאלט'ס געהאלטן און איין חזר'ן אז: "מֵאִתּוֹ לֹא תֵצֵא הָרָעוֹת", און אויב דער אייבערשטער איז א חלק פון מיר און איך בין א חלק פון איהם, דעמאלט'ס וועל איך דאך ח"ו קיינמאל נישט פארלירן מיין "חיות", ווייל דער אייבערשטער איז דאך "אין" מיר, און דער אייבערשטער איז דאך א "חלק" פון מיר, און ניין ר' יוד, דער אייבערשטער איז נישט "לעבן" מיר, נאר דער אייבערשטער איז דאך ממש א "טייל" פון מיר.

און דער הייליגער נעים זמירות ישראל דוד המלך עליו השלום זאגט דאך אונז שוין טאקע אויך אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז: "הֶאֱמַנְתִּי" – אז מיין "אֱמוּנָה" וועט זיך דאך נאר קענען האלטן.. אויב: "כִּי אֲדַבֵּר" – אויב איך וועל זיך כסדר מחזק זיין מיט: "דִּבּוּרֵי אֱמוּנָה" און איך וועל כסדר רעדן: "דִּבּוּרֵי אֱמוּנָה", און איך וועל כסדר איין חזר'ן נאך אמאל און נאך אמאל אז דער אייבערשטער טוט דאך מיר נישט ח"ו קיין שום שלעכטס, נאר דער אייבערשטער איז דאך אויס דרוק'לעך א אמת'ע: "טוב ומטיב לרעים ולטובים", ווייל נאר אזוי קען מען זיך דאך טאקע באמת האלטן ביי דעם ריינעם: "אֱמוּנָה טְהוֹרָה".

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין די ווערטער פון: "הֶאֱמַנְתִּי כִּי אֲדַבֵּר", ווייל די ראשי תיבות פון די ווערטער: "**הֶ**אֱמַנְתִּי **כִּי אֲ**דַבֵּר" – איז דאך טאקע אויך גימטריא: "יהו-ה", ווייל יא ר' יוד, דער אייבערשטער וויל אז א יודיש קינד זאל רעדן פון דעם: "אֱמוּנָה", און דאס גוט איין חזר'ן, ווייל נאר אויב מען חזר'ט זיך גוט איין: "דִּבּוּרֵי אֱמוּנָה".. נאר דעמאלט'ס וועט מען זיך קענען שטענדיג האלטן ביי דעם ריינעם: "אֱמוּנָה טְהוֹרָה" אין דעם הייליגן: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב" און נישט ח"ו ווערן פארלוירן ווען עס גייט אמאל אריבער א שווערע תקופה.

און דאס איז דאך טאקע געווען די הייליגע עבודה פון די יודישע קינדער בשעת ווען זיי זענען געווען אין דעם טמא'נעם: "טומאת מצרים", אז וואס..?! צו רעדן פון דעם: "אֱמוּנָה", און זיך מחזק צו זיין מיט דעם: "חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל" וואס ליגט באהאלטן אין מיר.

און אויב א יודיש קינד פארשטייט טאקע באמת דעם געדאנק אז ער איז דאך טאקע באמת שטענדיג אָן געבינדן אין דעם הייליגן באשעפער, דעמאלט'ס קען ער זיך דאך שוין אסאך אסאך גרינגער "מחזק" זיין אין זיינע שווערע מצבים, ווייל ער ווייסט דאך שוין דעמאלט'ס זייער קלאר ביי זיך, אז איך האב דאך נישט פון וואס מורא צו האבן, ווייל איך בין דאך אזוי נאנט צו מיין גרויסן הייליגן טאטן אין הימל, און פונקט אזוי ווי א קינד שפירט אסאך מער אפ געהיטן ווען ער געפונט זיך אונטער דעם שאטן פון זיין טאטן, אזוי אויך דארף זיך דאך א יעדע יודיש קינד שטענדיג קענען בארואיגן אין זיינע שווערע מצבים, און טראכטן, אז דער אייבערשטער געפונט זיך דאך דא ממש לעבן מיר, און א יעדע פשוט'ע יוד דארף דאך טאקע באמת קענען לעבן מיט דעם, און זיך מחזק זיין מיט: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָּחוֹן" אזוי ווי די יודישע קינדער האבן זיך מחזק געווען אין זייער שווער'ן ביטער'ן "גלות מצרים".

און דער הייליגער תורה הק' זאגט דאך אונז שוין טאקע אויך בפירוש קומענדיגע וואך אין די פרשה (קפיטל ד' פסוק ל"א), אז: "וַיַּאֲמֵן הָעָם" – אז אפילו די: "פְּשׁוּטֵי עַם" האבן אויך גע'גלייבט, אז: "כִּי פָקַד יהו-ה אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" – אז דער אייבערשטער האט קיינמאל נישט פארגעסן פון די יודישע קינדער, און אפילו די: "פְּשׁוּטֵי עַם" האבן אויך גע'גלייבט, אז: "וְכִי רָאָה אֶת עָנְיָם" – אז דער אייבערשטער האט געזעהן זייער פיין.

און אויב מיר וועלן טאקע אלע באמת לעבן מיט אזא סארט: "אֱמוּנָה" וואס די יודישע קינדער האט געהאט אין דעם לאנד "מצרים", און מיר וועלן נישט ווערן פארלוירן אין אונזערע גלות'ן, דעמאלט'ס וועלן מיר דאך שוין טאקע אלע קענען זוכה זיין אז עס וועט דאך שוין טאקע בקרוב ממש מקיום ווערן ביי אונז די ווערטער וואס מיר זינגען אלע אין דעם הייליגן יום טוב פון: "חֲנוּכָּה" ביי: "הַדְלָקַת נֵר חֲנוּכָּה" לפי נוסח הרמ"א, אז: "חֲזֵק יִשְׂרָאֵל וְתַכְנִיעַ יִשְׁמָעֵאל וּמֶאֱדוֹם תִּפְדֶה נַפְשִׁי", און מיר וועלן דאך שוין דעמאלט'ס אלע קענען זוכה זיין אויס געלייזט צו ווערן פון דעם שווער'ן ביטער'ן גלות בקרוב ממש.

ווייל אויב מיר וועלן מאכן דעם: "חֲזֵק יִשְׂרָאֵל", און מיר וועלן זיך נישט לאזן צוברעכן פון דעם שווער'ן ביטער'ן: "עֹל הַגָּלֻיּוֹת" וואס ליגט: "מֵעַל צַוָּארֵנוּ", וועט דאך שוין דעמאלט'ס דער אייבערשטער זיכער אויס פירן דעם צווייטן העלפט פון דעם זמר, און: "וְתַכְנִיעַ יִשְׁמָעֵאל", און: "וּמֶאֱדוֹם תִּפְדֶה נַפְשִׁי" – און מיר וועלן דאך שוין טאקע אלע בקרוב ממש זוכה זיין אויס געלייזט צו ווערן פון דעם שווער'ן ביטער'ן: "גָּלוּת אֱדוֹם בְּבִיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וּבְבִנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הַשְּׁלִישִׁי בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ".

וַיַּגֵּד לְיַעֲקֹב וַיֹּאמֶר הִנֵּה בִּנְךָ יוֹסֵף בָּא אֵלֶיךָ וַיִּתְחַזֵּק יִשְׂרָאֵל וַיֵּשֶׁב עַל הַמִּטָּה: לכאורה דארף מען דאך פארשטיין, אז וואס האט צו געברענגט פאר יעקב אבינו אז ער זאל האבן די כח זיך צו קענען "שטארקן" און זיך אויף זעצן אויפן בעט..?! ער האט דאך שוין דא געהאלטן ממש פאר זיין "פטירה"..?! פון וואו האט יעקב אבינו גענומען די כח אז ער האט געקענט מאכן דעם: "וַיִּתְחַזֵּק יִשְׂרָאֵל וַיֵּשֶׁב עַל הַמִּטָּה"..?!

וועגן דעם זאגט דאך אונז שוין דא די פסוק, אז דו ווייסט פון וואו יעקב אבינו האט גענומען די כח זיך צו קענען "שטארקן" און זיך אויף זעצן אויפן בעט טראץ דעם וואס ער האט דאך שוין דא געהאלטן ממש פאר זיין "פטירה"..?! ווייל: "וַיַּגֵּד לְיַעֲקֹב" – ווייל מען האט דאך דא פארציילט פאר יעקב אבינו, אז: "הִנֵּה בִּנְךָ יוֹסֵף בָּא אֵלֶיךָ" – אז דיין זוהן יוסף וואס איז א קעניג איבער דעם גאנצן לאנד מצרים קומט דאך צו דיר קיין: "גֹּשֶׁן", און ער קומט דיר מבקר חולה זיין, און דעמאלט'ס.. האט דאך שוין יעקב אבינו פארשטאנען מיט א זיכער'ע זיכער'קייט, אז יוסף הצדיק גייט דאך טאקע נאך זיינע גוטע וועגן, ווייל געב נאר א קוק, ער איז דאך דא מקיים די געוואלדיגע גרויסע מצוה פון: "כִּבּוּד אָב וָאֵם" מיט אזא איבער געגעבן קייט, און אפילו ער איז שוין דער גרויסער "משנה למלך" אויף דעם גאנצן לאנד מצרים, קומט ער אבער נאך אלץ באזוכן זיין אלט'ן טאטן קיין: "גֹּשֶׁן", ווייל ער וויל דאך מיט דעם מקיים זיין דעם: "רְצוֹן הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא" און מקיים זיין: "מִצְוַת כִּבּוּד אָב וָאֵם".

און ממילא וועגן דען האט יעקב אבינו דא געזאגט אזוי, אז יעצט ווייס איך דאך שוין זיכער אז מיין זוהן יוסף גייט טאקע נאך מיינע גוטע וועגן און ער וועט טאקע אלעמאל בלייבן א "ערליכע יוד", אפילו נאך דעם וואס איך וועל שוין אוועק גיין פון דער וועלט.

איי.. וועט איינער אבער פרעגן, אז יעקב אבינו האט דאך שוין געהאט געזעהן אמאל אז יוסף הצדיק איז מקיים: "מִצְוַת כִּבּוּד אָב וָאֵם", ווייל יעקב אבינו האט דאך שוין אליין געהאט געזעהן אין מצרים ווי אזוי יוסף הצדיק איז איהם ארויס געקומען מקבל פנים זיין מיט זיין קעניגליכ'ן רייט וואגן, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין פרשת ויגש (קפיטל מ"ו פסוק כ"ט), אז: "וַיֶּאְסֹר יוֹסֵף מֶרְכַּבְתּוֹ וַיַּעַל לִקְרַאת יִשְׂרָאֵל אָבִיו גֹּשְׁנָה", און ממילא פארוואס איז יענע "קבלת פנים" נישט געווען גענוג פאר יעקב אבינו אז ער זאל פארשטיין אז יוסף הצדיק איז דאך טאקע מקיים: "מִצְוַת כִּבּוּד אָב וָאֵם" ווי עס דארף צו זיין..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, ווייל די "קבלת פנים" וואס יוסף הצדיק האט געמאכט פאר זיין הייליגן טאטן יעקב אבינו גלייך ווען יעקב אבינו איז אָן געקומען קיין מצרים "האט ער דאך געמוזט מאכן", ווייל ער האט דאך דעמאלט'ס געמוזט ארויס גיין אויף נעמען זיין טאטן, כדי איהם מסדר צו זיין אין דעם נייעם שטאט: "גֹּשֶׁן" על צד היותר טוב, און ממילא יענע "קבלת פנים" איז דאך נישט געווען מער ווי א נארמאל'ע זאך, ווייל יוסף הצדיק האט דאך דעמאלט'ס געמוזט ארויס גיין אויף נעמען זיין טאטן, ווייל זיי זענען דאך ערשט דעמאלט'ס אָן געקומען קיין מצרים, און פונקט אזוי ווי א נארמאל'ע מענטש נעמט אויף שיין א גאסט אין שטעט'ל, האט דאך דעמאלט'ס יוסף הצדיק אויך געמוזט אויף נעמען זיין הייליגן טאטן יעקב און איהם געבן וואס ער דארף.

און ממילא וועגן דעם איז יענע "קבלת פנים" נאך נישט געווען גענוג א גרויסע ראי' פאר "יעקב אבינו" אז זיין זוהן יוסף הצדיק איז דאך טאקע באמת געבליבן אָן געבינדן אין דעם הייליגן מצוה פון: "כִּבּוּד אָב וָאֵם", ווייל יעקב אבינו האט דאך דעמאלט'ס פארט געטראכט, אז מיין זוהן יוסף האט דאך נישט עוסק געווען אין די מצוה פון: "כִּבּוּד אָב וָאֵם" פאר גאנצע צוויי און צוואנציג יאר [וואס ער איז געווען אין מצרים], און ממילא אפשר האט מיין יוסף גאר פארגעסן וואס דאס מיינט מכבד זיין א טאטע.

אבער יעצט.. ווען מען האט דערציילט פאר יעקב אבינו, אז: "הִנֵּה בִּנְךָ יוֹסֵף בָּא אֵלֶיךָ" – אז דיין זוהן יוסף וואס איז דאך שוין גאר גאר א גרויסער קעניג איבער דעם גאנצן לאנד מצרים קומט צו דיר, דעמאלט'ס.. האט דאך שוין יעקב אבינו באקומען גאר גאר א גרויסע "חיזוק" פון דעם, ווייל ער האט דאך

שוין דעמאלט'ס פארשטאנען פון דעם אויף זיכער, אז יוסף הצדיק איז דאך טאקע באמת מקיים: "מִצְוַת כִּבּוּד אָב וָאֵם" ווי עס דארף צו זיין.

און אזוי אויך האט דאך שוין יעקב אבינו אויך פארשטאנען פון דעם, אז ער קען זיך דאך טאקע באמת פאר לאזן אויף זיין הייליגן זוהן "יוסף הצדיק" אז נאך זיין פטירה וועט ער טאקע איין האלטן זיין צו זאג און איהם נישט באגראבן אין דעם טמא'נעם לאנד מצרים, נאר ער וועט איהם טאקע ארויף טראגן צו אונזער הייליגן לאנד קיין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", און וויבאלד יעקב אבינו האט געזעהן אז יוסף הצדיק איז דאך איהם אזוי שטארק מכבד ביים לעבן, ממילא וועגן דעם האט יעקב אבינו געטראכט, אז אויב ער איז מיר אזוי שטארק מכבד "יעצט", דעמאלט'ס וועט ער דאך מיר זיכער אויך מכבד זיין נאך מיין פטירה, און ער וועט דאך שוין דעמאלט'ס אויך זיכער אויס פירן מיין: "רָצוֹן" און מיר ארויף טראגן קיין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל".

און עס ווערט דאך שוין טאקע אויך קלאר גע'פסקנ'ט אין שולחן ערוך, אז: "מכבדו בחיים ומכבדו במותו" – אז מען דארף דאך שטענדיג מכבד זיין דעם טאטן, סיי בשעת די טאטע לעבט נאך, און אפילו: "לאחר מאה ועשרים שנה" פון דעם טאטן דארף מען דאך איהם אויך מכבד זיין.

און נאך א זאך האט יעקב אבינו פארשטאנען פון דעם, און דאס איז דאך געווען, אז ווען ער וועט אוועק גיין פון די וועלט, וועט דאך דעמאלט'ס זיין א בחינה פון: "ברא מזכה אבא", ווייל וויבאלד זיין זוהן יוסף הצדיק וועט זיך דאך אויף פירן ערליך, ממילא וועגן דעם וועט דאך דאס זיין א זכות פאר איהם אויבן אין הימל, ווייל עס שטייט דאך שוין בפירוש אין חז"ל, אז א קינד האט דאך א זכות מזכה צו זיין זיין טאטן אויבן אין הימל דורך זיינע: "מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים" וואס ער טוט.

און נאך מער פון דעם שטייט דאך שוין אין די ספרים הק', ווייל עס שטייט דאך שוין אויך אין די ספרים הק', אז ווען א יודיש קינד טוט א געוויסע "מצוה" אדער א געוויסע "דבר טוב", דארף ער דאך שוין דעמאלט'ס ניט אמאל זאגן אז: "הריני עושה זאת לעילוי נשמת זקני או אבי או אמי", ווייל א יעדע "דבר טוב" וואס א יודיש קינד טוט, איז דאך אטאמאטיש א זכות פאר זיינע אלע הייליגע אבות הקדושים, [און עס איז דא וואס זאגן אז דאס גייט נאר אָן ביז א עלטער זיידע, כך שמעתי], אבער על כל פנים.. ווען יעקב אבינו האט געזעהן אז זיין זוהן יוסף הצדיק איז דאך טאקע באמת געבליבן געטריי פאר דער הייליגער תורה הק' און ער איז דאך טאקע באמת מקיים די מצוה פון: כִּבּוּד אָב וָאֵם", האט ער דאך דעמאלט'ס באקומען גאר גאר אסאך "כח" פון דעם, און גאר גאר אסאך "חיות" פון דעם, און גאר גאר אסאך "חיזוק" פון דעם.

און ממילא וועגן דעם: "וַיִּתְחַזֵּק יִשְׂרָאֵל וַיֵּשֶׁב עַל הַמִּטָּה" – און ממילא וועגן דעם האט זיך יעקב אבינו געשטארקט און זיך אויף געזעצט אויפן בעט, ווייל די גרעסטע חיזוק פאר א מענטש איז דאך, ווען ער איז זוכה צו זעהן: "בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת", אבער נישט סתם: "עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת", נאר: "עַל יִשְׂרָאֵל" – נאר וואס גייען "על דרך ישראל סבא", און זוכה זיין צו זעהן: "בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת בֶּאֱמֶת עַל דֶּרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא" איז דאך שוין די גרעסטע "חיזוק" פאר א מענטש, ווייל וואס דארף דען א מענטש אויף דער וועלט אויב נישט די זכי' צו זעהן: "בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת בֶּאֱמֶת עַל דֶּרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא":

וַיֹּאמֶר יוֹסֵף אֶל אָבִיו בָּנַי הֵם אֲשֶׁר נָתַן לִי אֱלֹקִים בָּזֶה וַיֹּאמַר קָחֶם נָא אֵלַי וַאֲבָרֲכֵם: לכאורה דארף מען דאך פארשטיין, אז פארוואס האט דא יוסף הצדיק געזאגט פאר זיין הייליגן טאטן יעקב אבינו אז דאס זענען מיינע קינדער: אֲשֶׁר נָתַן לִי אֱלֹקִים "בָּזֶה"..?! וואס איז פשט פון דעם ווארט: "בָּזֶה"..?! ער וואלט דאך דא לכאורה נאר געדארפט זאגן דעם לשון אז דאס זענען מיינע קינדער: "אֲשֶׁר נָתַן לִי אֱלֹקִים" – וואס דער אייבערשטער האט מיר געגעבן, און פארטיג, פארוואס האט ער דא געזאגט פאר זיין הייליגן טאטן יעקב אבינו אז דאס זענען מיינע קינדער: אֲשֶׁר נָתַן לִי אֱלֹקִים "בָּזֶה"..?! וואס איז געלעגן באהאלטן אין דעם ווארט: "בָּזֶה"..?!

און רש"י הק' ענטפערט דאך שוין אויף דעם א פשוט'ע תירוץ, און דאס איז, אז די סיבה פארוואס יוסף הצדיק האט דא דערמאנט פאר זיין הייליגן טאטן יעקב אבינו די ווארט: "בָּזֶה" איז, ווייל יוסף הצדיק האט דאך דא געוויזן פאר זיין הייליגן טאטן יעקב אבינו א "שטר כתובה" און א "שטר אירוסין", און ממילא דאס איז געווען די כוונה פון יוסף הצדיק מיט דעם ווארט: "בָּזֶה", ווייל ער האט דאך געמיינט צו זאגן מיט דעם פאר זיין הייליגן טאטן יעקב אבינו, אז דורך דעם "שטר אירוסין" מיט דעם "שטר כתובה", האט מיר דער אייבערשטער באשאנקן מיט אזעלכע צוויי ליכטיגע קינדער, און זארג זיך נישט הייליגער טאטע, ווייל איך האב דאך כשר חתונה געהאט על פי הלכה, אבער לאמיר אביסל מער אריין קלערן אין דעם גאנצן ענין דא, און לאמיר פראבירן צו זעהן וואס נאך איז געלעגן באהאלטן אין דעם ווארט: "בָּזֶה"..?!

און כדי צו פארשטיין דעם תירוץ דא, דארף מען דאך אבער קודם מקדים זיין א קשיא, ווייל רש"י זאגט דאך אונז שוין בפירוש אין די וואכעדיגע פרשה, אז ווען יעקב אבינו האט געזעהן אז עס גייט ארויס קומען "רשעים" פון "מנשה" און "אפרים", האט ער דעמאלט'ס גלייך פארלוירן זיין "רוח הקודש", און ער האט זיי נישט געוואלט דעמאלט'ס בענטשן, און ער האט דאך טאקע דעמאלט'ס אויך גלייך געפרעגט זיין זוהן יוסף, אז: "מהיכן יצאו אלו שאינן ראויין לברכה" – פון וואו זענען ארויס געקומען די צוויי קינדער וואס זענען נישט ראוי געבענטש'ט צו ווערן..?!

אבער לויט דעם פשט פון רש"י, ווערט דאך אבער לכאורה שווער דא א מורא'דיגע קשיא, ווייל אויב דאס האט דא יעקב אבינו געזאגט פאר יוסף, דעמאלט'ס וואס איז געווען יוסף הצדיק'ס תירוץ אז: "בָּנַי הֵם אֲשֶׁר נָתַן לִי אֱלֹקִים בָּזֶה", וואס האט יוסף הצדיק געמיינט דא צו זאגן מיט די ווערטער: "בָּנַי הֵם אֲשֶׁר נָתַן לִי אֱלֹקִים בָּזֶה"..?! און ווי אזוי האט ער געוואלט פאר ענטפער'ן די קשיא וואס זיין הייליגער טאטע יעקב האט איהם דא געפרעגט אז: "מהיכן יצאו אלו שאינן ראויין לברכה"..?!

נאר מען קען דאס אפשר פאר ענטפער'ן אזוי, אז יוסף הצדיק האט דא געמיינט צו ענטפער'ן מיט דעם פאר זיין הייליגן טאטן יעקב אזוי, אז דו ביזט גערעכט טאקע אז דו זעהס'ט טאקע אז עס גייט טאקע ארויס קומען "רשעים" פון מיינע צוויי קינדער, אבער איין מינוט טאטע געטרייע, מיר האבן דאך ביידע געהאט געלערנט צוזאמען, אז מען דארף דאך נישט קוקען "וואס עס גייט זיין שפעטער", ווייל עס שטייט דאך שוין בפירוש אין דער הייליגער תורה הק' ביי די פרשה פון אברהם אבינו, אז ווען אברהם אבינו האט אוועק געשיקט הגר פון זיין שטוב, האט ער איר דעמאלט'ס געגעבן ברויט מיט א קריגל וואסער, און ער האט איר דעמאלט'ס אוועק געשיקט צוזאמען מיט איר קינד ישמעאל, און שפעטער האט זיך אבער אויס גענוצט די גאנצע וואסער וואס עס איז געלעגן אין דעם קריגל, און הגר האט דאך דעמאלט'ס גלייך געגעבן אווארף אוועק איר קינד ישמעאל אונטער א בוים, און זי איז דאך דעמאלט'ס אוועק געגאנגען ווייט פון דעם קינד, כדי נישט צו זעהן די צער פון איר קינד ישמעאל ווי אזוי ער גייט אויס פון דארשט, און זי האט זיך דעמאלט'ס אראפ געזעצט אויף דער ערד, און זי האט דאך דעמאלט'ס גלייך אָן געהויבן גאר שטארק צו וויינען פון גרויס צער.

און די פסוק זאגט דאך אונז שוין טאקע דארטן קלאר בפירוש, אז: וַיִּשְׁמַע אֱלֹקִים אֶת קוֹל הַנַּעַר וגו' "כִּי שָׁמַע אֱלֹקִים אֶל קוֹל הַנַּעַר בַּאֲשֶׁר הוּא שָׁם", און רש"י הק' זאגט דאך אונז שוין בפירוש אויף דעם, אז ווען ישמעאל האט געהאלטן ביים אויס גיין, זענען דאך דעמאלט'ס גלייך געקומען מקטריגים און האבן מקטרג געווען אויף ישמעאל, און זיי האבן דעמאלט'ס גע'טענה'עט פארן אייבערשטן, אז די קינדער וואס גייען ארויס קומען פון ישמעאל גייען דאך שפעטער הארגע'נען דיינע יודישע קינדער..?! און ממילא פארוואס גייסטו איהם יעצט מאכן א "נס" און איהם שיקן וואסער און איהם ראטעווען..?! זיינע קינדער גייען דאך שפעטער הארגע'נען דיינע קינדער..?!

האט זיי אבער דעמאלט'ס דער אייבערשטער גע'ענטפערט, אז.. ניין, ענק זענען דאך בעצם בכלל נישט גערעכט, ווייל עס גייט דאך נישט אזוי, ווייל מען רעכנט דאך נישט א מענטש לויט דאס וואס ער גייט

טוהן, נאר ווי אזוי ער איז "יעצט", און אויב ער איז יעצט א: "צַדִּיק", דעמאלט'ס גיי איך איהם שוין יעצט ראטעווען.

און דאס איז דאך טאקע אויך פשט פון די ווערטער: "בַּאֲשֶׁר הוּא שָׁם", ווייל דער אייבערשטער האט דאך דא געזאגט פאר די מקטריגים, אז איך קוק דאך נאר: "בַּאֲשֶׁר הוּא שָׁם" – אז איך קוק דאך נאר וואס ער איז "יעצט", און איך קוק דאך נישט וואס עס גייט זיין "שפעטער", און אויב ער איז יעצט א: "צַדִּיק", דעמאלט'ס גיי איך איהם שוין יעצט ראטעווען, עד כאן דבריו הק' של יוסף הצדיק לפני אביו.

און ממילא דאס האט דא יוסף הצדיק גע'טענה'עט פאר זיין הייליגן טאטן יעקב אבינו, אז דו ביזט געזעכט טאקע אז עס גייט דאך טאקע שפעטער ארויס קומען "רשעים" פון מיינע צוויי קינדער, אבער: "אבא" – אבער הייליגער טאטע: "לא כך כתוב בתורה"..?! עס שטייט דאך שוין בפירוש אין דער הייליגער תורה הק' ביי די מעשה פון הגר אז דער אייבערשטער האט דאך דעמאלט'ס "יא" געראטעוועט ישמעאל, ווייל דער אייבערשטער האט דאך דעמאלט'ס געזאגט פאר די מקטריגים אז ער קוקט דאך נישט אויף דאס וואס די קינדער פון ישמעאל גייען טוהן "שפעטער", און ממילא אויב אזוי קענסטו דאך "יא" בענטשן "מנשה" און "אפרים", ווייל יעצט זענען זיי דאך ביידע "צדיקים גמורים", און יעצט זענען זיי דאך: "בָּנַי הֵם" – און יעצט זענען זיי דאך "מיינע קינדער", און פונקט אזוי ווי איך בין א "צדיק גמור", זענען זיי דאך אויך "צדיקים גמורים", און ממילא וועגן דעם קענסטו זיי דאך יעצט "יא" בענטשן..?!

און חוץ פון דעם.. [האט דא יוסף הצדיק גע'טענה'עט פאר זיין הייליגן טאטן יעקב אבינו, אז] זיי זענען דאך די זעלבע הייליג ווי דיינע אלע אנדערע שבטים, אזוי ווי דו האסט דאך שוין אליין געזאגט, אז: "אֶפְרַיִם וּמְנַשֶּׁה כִּרְאוּבֵן וְשִׁמְעוֹן יִהְיוּ לִי", און ממילא וועגן דעם זאג איך דיר הייליגער טאטע, אז דו קענסט דאך זיי "יא" בענטשן, ווייל: "אֲשֶׁר נָתַן לִי אֱלֹקִים" – ווייל דער אייבערשטער האט דאך מיר געגעבן אזעלכע צוויי קינדער וואס זענען דאך: "בָּזֶה" – וואס זענען דאך פונקט אזוי הייליג ווי דיינע אלע הייליגע צוועלעף שבטים.

און די ווארט: "בָּזֶה" איז דאך בעצם צוזאם געשטעלט פון צוויי ווערטער, און די צוויי ווערטער זענען דאך: "ב' זֶה", ווייל יא ר' יוד, יוסף הצדיק האט דא געמיינט מסביר צו זיין מיט דעם פאר זיין הייליגן טאטן יעקב, אז: ב' – אז די צוויי קינדער וואס איך האב, זענען דאך: "זֶה", און די ווארט: "זֶה" – איז דאך טאקע אויך גימטריא: י"ב, ווייל יוסף הצדיק האט דאך דא געוואלט זאגן מיט דעם פאר זיין הייליגן טאטן יעקב, אז: "בָּ.. זֶה" – אז די צוויי קינדער וואס דו זעהס'ט דא, זענען דאך די זעלבע גרויס ווי אלע אנדערע: "י"ב שִׁבְטֵי יָ-הּ", און אויב מיינע קינדער זענען אזוי ערליך.. פונקט ווי זיינע אלע אנדערע צוועלעף: "שִׁבְטֵי יָ-הּ", קומט זיך זיי דאך דעמאלט'ס "יא" א ברכה.

און איינמאל יעקב אבינו האט געהערט די ווערטער, האט ער דאך טאקע דעמאלט'ס גלייך מסכים געווען צו בענטשן די צוויי הייליגע קינדער פון יוסף "מנשה" און "אפרים", און ער האט זיך דאך טאקע דעמאלט'ס גלייך אָן גערופן צו זיין זוהן יוסף הצדיק, אז: "קָחֶם נָא אֵלַי וַאֲבָרְכֵם" – אז "נעם זיי צו מיר" אין מיין "חלק", און איך וועל זיי טאקע יא בענטשן, ווייל זיי זענען דאך טאקע יעצט צוויי גרויסע צדיקים, און זיי זענען דאך טאקע יעצט יא ראוי געבענטש'ט צו ווערן, און יעקב אבינו האט דאך זיי טאקע דעמאלט'ס גלייך געבענטש'ט.

און וויבאלד יוסף הצדיק האט דאך שוין דערמאנט פאר זיין הייליגן טאטן יעקב אז מנשה און אפרים זענען דאך טאקע "יא" ראוי לברכה, ווייל זיי זענען דאך יעצט ביידע "צדיקים גמורים" פונקט אזוי ווי "אלע אנדערע שבטים", ממילא וועגן דעם האט זיך דאך טאקע דעמאלט'ס יעקב אבינו גלייך דערמאנט פון זיינע אלע אנדערע: "שִׁבְטֵי יָ-הּ" וואס זענען דאך אויך אזוי הייליג ווי "מנשה" און "אפרים", און ער האט דאך טאקע דעמאלט'ס גלייך געטראכט צו זיך, אז איין מינוט, איך דארף דאך טאקע אויך בענטשן "מיינע אלע צוועלעף שבטים" פאר מיין פטירה, ווייל זיי זענען דאך אויך אזוי הייליג ווי "מנשה" און "אפרים", און

יעקב אבינו האט דאך טאקע דעמאלט'ס גלייך אזוי געטוהן, אזוי ווי מען זעהט דאך שוין טאקע קלאר אין די פסוקים שפעטער, אז גלייך נאך דעם וואס עס האט זיך גע'ענדיגט די פרשה פון בענטשן "מנשה" און "אפרים", האט זיך דאך טאקע דעמאלט'ס גלייך אָן געהויבן די הייליגע פסוקים פון: "בִּרְכַּת יַעֲקֹב":

וַיְבָרֶךְ אֶת יוֹסֵף וַיֹּאמַר הָאֱלֹקִים אֲשֶׁר הִתְהַלְּכוּ אֲבֹתַי לְפָנָיו אַבְרָהָם וְיִצְחָק הָאֱלֹקִים הָרֹעֶה אֹתִי מֵעוֹדִי עַד הַיּוֹם הַזֶּה: לכאורה איז דאך שווער דא א מורא'דיגע קשיא, ווייל עס שטייט דאך דא אין פסוק, אז: "וַיְבָרֶךְ אֶת יוֹסֵף" – אז יעקב אבינו האט דא געבענטש'ט "יוסף הצדיק", אבער לכאורה שטימט דאך דאס נישט, ווייל מיר געפונען דאך נישט בכלל אין די פסוקים דא אז יעקב אבינו האט געגעבן א ברכה פאר "יוסף הצדיק", און עס ווערט דאך בעצם בכלל נישט דערמאנט אין די פסוקים קיין שום ברכה וואס יעקב אבינו האט דא געבענטש'ט "יוסף הצדיק"..?! און ממילא פארוואס שטייט דא אין פסוק אז: "וַיְבָרֶךְ אֶת יוֹסֵף" – און ממילא פארוואס שטייט דא אין פסוק אז יעקב אבינו האט געבענטש'ט "יוסף הצדיק"..?! ער האט דאך איהם דא אפילו נישט געבענטש'ט..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז יעקב אבינו האט דא יא געבענטש'ט "יוסף הצדיק", ווייל עס איז דאך געלעגן באהאלטן גאר א טיפע ברכה אין די ווערטער פון יעקב אבינו, ווייל יעקב אבינו האט דאך דא געוואלט אויס לערנען פאר זיין זוהן יוסף הצדיק א מורא'דיגע יסוד איידער ער גייט אוועק פון די וועלט, וואס דאס וועט דאך זיין פאר איהם די גרעסטע "ברכה", און דאס וועט דאך איהם אויך באגלייטן זיין גאנצן לעבן.

און ממילא וועגן דעם האט זיך דא יעקב אבינו אָן גערופן צו זיין זוהן יוסף הצדיק, אז דו זאלסט וויסן יוסף, אז: "הָאֱלֹקִים" – אז דער זעלבע באשעפער: "אֲשֶׁר הִתְהַלְּכוּ אֲבֹתַי לְפָנָיו אַבְרָהָם וְיִצְחָק" – וואס מיינע עלטערן זענען געגאנגען פאר איהם מיט א: "תְּמִימוּת", [און מיר געפונען דאך שוין טאקע קלאר אין די פסוקים פון דער הייליגער תורה הק' אז די לשון: "הִתְהַלֵּךְ" גייט דאך טאקע ארויף אויף: "תְּמִימוּת" כידוע, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק ביי אברהם אבינו, אז דער אייבערשטער האט דאך שוין דעמאלט'ס געזאגט פאר אברהם אבינו, אז: "הִתְהַלֵּךְ לְפָנַי וֶהְיֵה תָמִים"], און דער זעלבע באשעפער וואס האט מיר געפירט מיט: מִדַּת "הַדִּין", איז: "הָאֱלֹקִים הָרֹעֶה אֹתִי מֵעוֹדִי עַד הַיּוֹם הַזֶּה" – איז דער זעלבע באשעפער וואס האט מיר געפירט מיט באהאלטענ'ע: "חֲסָדִים וְרַחֲמִים" אלע מיינע טעג.

און יא מיין טייער קינד יוסף, דער אייבערשטער האט דאך מיר מיר געפירט אויף גאר א שיינעם וועג, ממש אזוי ווי א פאסטעך וואס פירט זיינע שעפעלעך אויף א געוויסע וועג, און די שעפעלעך ווילן דאך אבער דעמאלט'ס גיין אויף א אנדערע וועג, געבט זיי דעמאלט'ס דער פאסטעך א קליינע קלאפ מיט זיין שטעקן, כדי זיי צוריק צו שטעלן אויף די גלייכ'ע וועג, און יא מיין טייער קינד, מיט די סארט "הנהגה" פירט זיך דער אייבערשטער מיט א יעדע מענטש ווי לאנג ער לעבט נאר.

און ממילא אפילו ווען דו זעהס'ט אמאל אז דער אייבערשטער גייט מיט דיר מיט: מִדַּת "הַדִּין", זאלסטו זיך אבער נאך אלץ נישט פארלירן, נאר דו זאלסט שטענדיג געדענקען אין א יעדן מצב, אז טיף אינעווייניג אין די וועגן פון דעם אייבערשטן ליגט דאך אבער שטענדיג באהאלטן גאר גאר גרויסע: "חֲסָדִים וְרַחֲמִים".

און ממילא דאס איז געווען די "ברכה" וואס יעקב אבינו האט דא געבענטש'ט "יוסף הצדיק", ווייל יעקב אבינו האט דאך איהם דא אויס געזאגט די סוד פון דעם לעבן, און יעקב אבינו האט דאך דא געזאגט פאר זיין טייער קינד יוסף הצדיק, אז וויסן זאלסטו מיין טייער קינד יוסף, אז: "הָאֱלֹקִים" אֲשֶׁר הִתְהַלְּכוּ אֲבֹתַי לְפָנָיו אַבְרָהָם וְיִצְחָק – אז דער זעלבע באשעפער וואס מיינע עלטערן זענען שטענדיג געגאנגען פאר איהם מיט א: "תְּמִימוּת" אפילו ווען ער איז געגאנגען מיט זיי: בְּמִדַּת "הַדִּין", איז דאך דער זעלב'ער: "הָאֱלֹקִים" – איז דאך דער זעלב'ער באשעפער וואס: "הָרֹעֶה אֹתִי מֵעוֹדִי עַד הַיּוֹם הַזֶּה" – וואס פירט דאך מיר שטענדיג אויף א גוט'ן וועג, און יא מיין טייער קינד יוסף, דער אייבערשטער איז דאך ממש אזוי ווי א

"פאסטעך" וואס פירט זיינע שאף אויף א געוויסע וועג, און די שאף קענען דאך נישט אלעמאל פארשטיין פארוואס די פאסטעך טוט פונקט אזוי און אזוי, אבער א קלוגע מענטש וואס קוקט זיך צו פון די זייט.. פארשטייט דאך שוין אבער זייער גוט פון זיך אליין, אז אלעס וואס די פאסטעך טוט פאר זיינע שאף איז דאך אין אמת'ן: "כָּל כֻּלּוֹ חֲסָדִים וְרַחֲמִים", ווייל די פאסטעך האט דאך גאר גאר שטארק ליב זיינע טייערע באליבט'ע שאף.

און ממילא דאס איז געווען די ברכה וואס "יעקב אבינו" האט דא אָן געוואונטשן פאר זיין זוהן "יוסף הצדיק" איידער זיין פטירה, אז דו זאלסט וויסן מיין טייער קינד יוסף דעם גרויסן סוד, אז אלע וועגן פון דעם אייבערשטן זענען דאך אין אמת'ן: "כָּל כֻּלּוֹ חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְּדוֹלִים מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ", און יעקב אבינו האט דאך שוין דא קלאר געזאגט פאר זיין זוהן יוסף, אז איך בין דיר מגלה דעם גרויסן סוד אז וואס דער אייבערשטער טוט מיט א מענטש איז דאך אין אמת'ן: "כָּל כֻּלּוֹ חֲסָדִים וְרַחֲמִים", און אויב דו וועסט דאס גוט אריין נעמען אין קאפ, וועסטו דאך זיין דעמאלט'ס א געבענטשט'ע מענטש און דו וועסט דאך דעמאלט'ס האבן א גליקלעך לעבן: "כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ":

וַיִּקְרָא יַעֲקֹב אֶל בָּנָיו וַיֹּאמֶר הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים.. הִקָּבְצוּ וְשִׁמְעוּ בְּנֵי יַעֲקֹב וְשִׁמְעוּ אֶל יִשְׂרָאֵל אֲבִיכֶם: דער גרויסער הייליגער צדיק "יעקב אבינו" האט דא גערופן זיינע קינדער, און ער האט דאך זיי דא געזאגט אזוי, אז: "הֵאָסְפוּ" – נעמט ענק צוזאמען, און האלט'ס ענק: "בְּאַחֲדוּת כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד", און עטץ ווייסט'ס פארוואס..?! ווייל: "וְאַגִּידָה לָכֶם" – ווייל איך וועל ענק אויס זאגן א סוד, אז: "אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים" – אז דאס וועט דאך זיין די זאך וואס וועט רופן צו אייך: "בְּאַחֲרִית הַיָּמִים" – גלייך פאר משיח וועט קומען.

ווייל די ענין פון: "אַחֲדוּת" וועט דאך זיין די זאך וואס מען וועט פארלאנגען פון די יודישע קינדער: "בְּאַחֲרִית הַיָּמִים", און ממילא וועגן דעם האט דא יעקב אבינו געזאגט פאר זיינע קינדער, אז איך זאג אייך שוין יעצט אויס דעם סוד אז די ענין פון: "אַחֲדוּת" וועט זיין די זאך וואס: "אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים" – וואס וועט רופן צו אייך: "בעקבתא דמשיחא", ווייל גלייך פאר משיח וועט קומען, וועט דאך דעמאלט'ס כלל ישראל מוזן זיין: "בְּאַחֲדוּת כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד", אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין חז"ל, אז משיח וועט דאך נאר קענען קומען ווען עס וועט זיין "אהבת חינם" און: "אַחֲדוּת" צווישן יודישע קינדער.

און ממילא וועגן דעם האט דא יעקב אבינו געזאגט פאר זיינע קינדער, אז יעצט אז ענק ווייסן שוין דעם סוד אז די ענין פון: "הֵאָסְפוּ" וועט מען פארלאנגען פון ענק פאר משיח וועט קומען, ממילא אויב אזוי.. האב איך פאר ענק גאר גאר א גוטע עצה, און מיין עצה איז, אז: "הִקָּבְצוּ" – אז ענק קענען זיך דאך שוין "יעצט" צוזאמען נעמען אינאיינעם און זיכער מאכן אז די יודישע קינדער האלטן זיך דאך טאקע שטענדיג צוזאמען: "בְּאַחֲדוּת כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד", ווייל דאס וועט דאך זיין די זאך וואס מען וועט פארלאנגען פון ענק: "בְּאַחֲרִית הַיָּמִים" – ווייל דאס וועט דאך זיין די זאך וואס מען וועט פארלאנגען פון ענק גלייך פאר משיח וועט קומען, און ממילא פארוואס זאלט עטץ דעמאלט'סווארטן ביז דעמאלט'ס..?! טוט'ס דאס שוין "יעצט", און ווערט'ס אלע שוין יעצט: "בְּאַחֲדוּת".

און: וְשִׁמְעוּ בְּנֵי "יַעֲקֹב" – און הערט'ס מיר אויס, ווייל ענק זענען דאך קינדער פון: "יַעֲקֹב", וואס די ווארט: "יַעֲקֹב" איז דאך בעצם צוזאם געשטעלט פון צוויי ווערטער, און די צוויי ווערטער זענען דאך: "עֵקֶב יו"ד", און מיר ווייסן דאך שוין אלע אויך זייער גוט, אז די יסוד פון א יודיש קינד איז דאך: "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ" – אז דו זאלסט ליב האבן דיין חבר אזוי ווי דיר אליין, און דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז: "ומה דעלך סאני לחברך לא תעביד" – אז וואס דו ווילס'ט נישט אז מען זאל טוהן פאר דיר, זאלסטו נישט טוהן פאר דיין חבר, און דאס איז דאך די: "עֵקֶב יו"ד" – און דאס איז דאך די יסוד פון א יודיש קינד, נישט ווייי צו טוהן קיין שום יוד.

און ממילא וועגן דעם האט זיי דא יעקב אבינו געזאגט, אז קודם: "וְשִׁמְעוּ" – אז קודם דארפט איר דאך דאס דער הערן ווי: בְּנֵי "יַעֲקֹב" – אז קודם דארפט איר דאך דאס דער הערן ווי א יסוד פון א יוד, ווייל די מציאות איז דאך, אז דאס איז דאך די שליסל וואס האט געהאלטן גאנץ כלל ישראל דורך אויס אירע אלע גלות'ן, אז מען האט זיך דאך שטענדיג געהאלטן: "בְּאַחְדוּת", אָן קיין שום פירוד לבבות, און דאס מוזט איר דאך אלע אריין נעמען אין קאפ, ווייל די ענין פון: "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ" איז דאך: "זה כלל גדול בתורה" – ווייל די ענין פון: "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ" איז דאך כולל די גאנצע תורה, און ממילא קודם מוזן ענק דאך דער הערן, אז די ענין פון: "הֵאָסְפוּ און "הִקָּבְצוּ" איז דאך א יסוד אין "יודיש'קייט", און אָן דעם וועלן ענק דאך נישט קענען ארויס גיין פון ענקערע גלות'ן, סיי פון דעם "גלות מצרים", און סיי פון ענקערע אלע אנדערע גלות'ן.

און איינמאל ענק האבן שוין דער הערט דעם געדאנק אז די ענין פון: "הֵאָסְפוּ און "הִקָּבְצוּ" איז דאך א יסוד אין "יודיש'קייט", דעמאלט'ס: וְשִׁמְעוּ אֶל "יִשְׂרָאֵל" אֲבִיכֶם – דעמאלט'ס קענט איר דאך שוין אינזין האבן דעם פשוט'ן כוונה פון דעם מצוה, וואס דאס איז דאך, די ענין פון: "יִשְׂרָאֵל", און די ווארט: "יִשְׂרָאֵל" – איז דאך טאקע אויך ראשי תיבות: "**יִ**שְׂרָאֵל **לַ**עֲשׂוֹת **רְ**צוֹן **אָ**בִינוּ **שֶׁ**בַּשָּׁמַיִם" – צו מאכן א: "נַחַת רוּחַ" פארן הייליגן באשעפער, און יא מיינע טייערע קינדער, איינמאל ענק האבן שוין דער הערט דעם געדאנק אז די ענין פון: "הֵאָסְפוּ און "הִקָּבְצוּ" איז דאך א יסוד אין "יודיש'קייט", דעמאלט'ס קענען ענק דאך שוין אינזין האבן די פשוט'ע כוונה פון די מצוה וואס דאס איז דאך: "לַעֲשׂוֹת רְצוֹן אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם".

אבער די ערשטע זאך דארפן ענק דאך אבער קודם וויסן זייער קלאר, אז די ענין פון: "אַחְדוּת" איז דאך די יסוד פון "כלל ישראל", און נאר מיט דעם ענין פון: "אַחְדוּת" וועלן ענק קענען זוכה זיין מקבל צו זיין דעם: "מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ".

און אדער קען מען טייטש'ן א אנדערע פשט אויף די פסוק פון: "הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם" וגו', און דאס איז דאך, אז יעקב אבינו האט דא געזאגט פאר זיינע קינדער, אז: "הֵאָסְפוּ" – אז די ענין פון "התאספות" – אז די ענין פון: "אַחְדוּת", וועט דאך ענק נאך אפילו אויך: "וְאַגִּידָה לָכֶם" – וועט דאך ענק נאך אפילו אויך "צו שלעפן" צו דעם: "בְּאַחֲרִית הַיָּמִים" – צו די גרויסע: "גְאוּלָה שְׁלֵמָה", ווייל די לשון: "וְאַגִּידָה" איז דאך א לשון פון "ציען" כידוע, און די לשון: "וְאַגִּידָה" איז דאך ממש אזוי ווי די לשון וואס עס ווערט דאך שוין געברענגט כמה וכמה פעמים אין די גמרא: "גוד אסיק" – אז עס איז אזוי ווי מען ציט אראפ מחיצות כידוע, און ממילא דאס האט דא יעקב אבינו געזאגט פאר זיינע קינדער, אז: "הֵאָסְפוּ" – אז נעמט'ס ענק צוזאמען, און האלט'ס ענק: "בְּאַחְדוּת כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד", ווייל דאס: "וְאַגִּידָה לָכֶם" – ווייל דאס וועט דאך ענק נאר "צו ציען" צו: "אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים" – צו די גרויסע: "גְאוּלָה שְׁלֵמָה".

ווייל יא טייערע יודן, אויב מיר וועלן זיך אלע האלטן: "בְּאַחְדוּת", און נישט ווי טוהן א צווייטן, דעמאלט'ס וועט דאס דער נעטער'ן די: "גְאוּלָה שְׁלֵמָה", און מיר וועלן דאך שוין דעמאלט'ס ענדליך קענען זוכה זיין ארויס צו גיין פון דעם שווער'ן ביטער'ן גלות וואו מיר געפונען זיך דאך שוין ליידער צענדליגע טויזנט'ער יארן, און בכלל.. ווי מעג מען דען ווי טוהן א יודיש קינד און דורך דעם אפ האלטן די גרויסע: "גְאוּלָה שְׁלֵמָה" פון גאנץ "כלל ישראל"..?! דו ביזט דאך: "חב לאחריני" – מיט דיין ווי טוהן א צווייטן מאכסטו דאך שאדן פאר גאנץ "כלל ישראל", ווייל דיין ווי טוהן א צווייטן האלט דאך אפ די גרויסע: "גְאוּלָה שְׁלֵמָה" פון גאנץ "כלל ישראל" פון קומען.

אבער ווען יודישע קינדער זענען זיך יא נוהג כבוד איינער מיטן צווייטן, און עס הערשט טאקע א אמת'ע: "אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל" צווישן די יודישע קינדער, דעמאלט'ס קען מען דאך שוין צו קומען צו די גרעסטע ישועות און השפעות טובות מן השמים, ווייל מיט די כח פון: "אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל" און מיט די כח פון: "אַחְדוּת" קען מען דאך שוין צו קומען צו אלעס, און דורך דעם קען מען דאך אפילו אויך זוכה זיין צו ברענגען: "מָשִׁיחַ

צִדְקֵינוּ", ווייל חז"ל זאגן דאך אונז שוין קלאר בפירוש, אז די צווייטע בית המקדש איז דאך נאר חרוב געווארן וועגן איין איינציגע סיבה, און דאס איז דאך געווען, וועגן "שנאת חינם" – ווייל מען האט זיך פיינט געהאט איינער דעם צווייטן, און וויבאלד מען האט זיך ארום געקריגט איינער מיטן צווייטן, און יא טייערע יודן, דאס.. האט פארטריבן די הייליגע שכינה הק' פון דעם הייליגן בית המקדש, און מיר דארפן דאך דאס פארעכטן, און עס ליגט דאך א הייליגע "פליכט" אויף אונז דאס צו פארעכטן ווי שנעלער און צוריק ברענגען די הייליגע שכינה הק' צו איר וואוין ארט.

און ווען מיר וועלן אלע זיין אינאיינעם: "בְּאַחֲדוּת כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד", און א יעדער איינער וועט דאך נאר שטענדיג זוכן ווי אזוי ער קען א "טובה" טוהן פאר זיין חבר, דעמאלט'ס.. וועלן מיר דאך שוין טאקע אלע זוכה זיין אויס געלייזט צו ווערן פון דעם שווער'ן ביטער'ן גלות וואו מיר געפונען זיך דאך נאך ליידער יעצט, און מיר וועלן דאך שוין דעמאלט'ס אלע קענען זוכה זיין נאך אמאל נהנה צו זיין: "מִזִּיו הַשְּׁכִינָה".

און אין דעם גרויסן זכות פון: "אַחֲדוּת" וועלן מיר דאך שוין טאקע אלע בקרוב ממש זוכה זיין צו די גרויסע: "גְאוּלָה שְׁלֵמָה", און מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע א יעדן שבת מברכים ביי ראש חודש בענטשן, און מיר דערמאנען זיך דאך דעמאלט'ס אלע אליין, און מיר זאגן דאך דעמאלט'ס אלע אליין צו אונזערע נשמות, אז דו ווייסט ווען: "הוּא יִגְאַל אוֹתָנוּ בְּקָרוֹב" – אז דו ווייסט ווען דער אייבערשטער וועט אונז שוין אויס לייזן פון דעם שווער'ן ביטער'ן גלות..?! און: "וִיקַבֵּץ נִדָּחֵינוּ מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ" – און דו ווייסט ווען דער אייבערשטער וועט שוין צוזאמען נעמען גאנץ כלל ישראל פון וואו זיי זענען און זיי אהיים נעמען..?!

די תירוץ אויף דעם איז, אז דאס וועט דאך נאר פאסירן ווען עס וועט זיין: "חֲבֵרִים כָּל יִשְׂרָאֵל" – דאס וועט דאך נאר פאסירן ווען אלע יודישע קינדער וועלן זיך שוין ליב האבן איינער דעם צווייטן מיט א אמת'ע: "אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל", און די ווערטער: "**ה**וּא יִגְאַל **א**וֹתָנוּ **בְּ**קָרוֹב" – איז דאך טאקע אויך ראשי תיבות: "אֵיבָה" – פיינט שאפט און קריגעריי, ווייל יא ר' יוד, דו האלטס'ט דאך און איין פרעגן ווען עס וועט שוין זיין דעם: "**ה**וּא יִגְאַל **א**וֹתָנוּ **בְּ**קָרוֹב"..?! יא..?!

די תירוץ אויף דעם איז, אז דאס וועט דאך נאר געשעהן ווען מיר וועלן אלע אוועק נעמען פון אונזערע הערצער אלע "פיינט שאפט" און אלע "קריגעריי" און אלע "מחלוקת'ן" אויף אנדערע יודן, ווייל נאר "דעמאלט'ס" וועלן מיר אלע קענען זוכה זיין צו זעהן: בְּהִתְגַּלּוּת כְּבוֹד יהו-ה "אֶחָד", ווייל ווען מיר וועלן זיך אלע האלטן: "בְּאַחֲדוּת כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד", דעמאלט'ס וועלן מיר דאך אלע קענען זוכה זיין צו דער לעבן די צייט וואס עס וועט דעמאלט'ס זיין: "בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה יהו-ה אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד", ווייל: "בשביל שנאת חינם חרב הבית", און: "ובשביל אהבת חינם יבנה הבית".

און: "וְנֹאמַר אָמֵן" – און לאמיר טאקע אלע ווייטער בעטן דעם הייליגן באשעפער אז עס זאל דאך שוין טאקע אזוי זיין, און מיר זאלן דאך שוין טאקע אלע זוכה זיין אוועק צו ווארפן דעם: "אֲנִי וְאַפְסִי עוֹד" – און מיר זאלן דאך שוין טאקע אלע זוכה זיין אוועק צו ווארפן דעם: "איך מיך זיך" פון אונזערע הערצער, און מיר זאלן דאך שוין טאקע אלע אָן הייבן צו טראכטן אביסעל'ע פון א צווייטנ'ס געפילן, און מיר זאלן זיך דאך שוין טאקע אלע אָן הייבן וויסנ'דיג צו מאכן פון א צווייטנ'ס געפילן, ווייל דעמאלט'ס וועלן מיר דאך שוין טאקע אלע קענען זוכה זיין צו די גרויסע: "גְאוּלָה שְׁלֵמָה", און צו: "בִּיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ", און צו דעם: "בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הַשְּׁלִישִׁי בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ":

גּוּר אַרְיֵה יְהוּדָה מִטֶּרֶף בְּנִי עָלִיתָ כָּרַע רָבַץ כְּאַרְיֵה וּכְלָבִיא מִי יְקִימֶנּוּ: עס ווערט דאך שוין געברענגט אין חז"ל, אז די סיבה פארוואס יעקב אבינו האט אזוי אויס געלויבט "יהודה" איז געווען, ווייל יהודה האט זיך דאך נישט פארלוירן ביי די מעשה פון תמר, נאר פארקערט, ער האט דאס דעמאלט'ס גאר אויס גענוצט פאר א "עליה", ווייל יהודה האט דאך שוין פארשטאנען, אז אפילו אויב ער האט געהאט אמאל א דורך

פאל, ווערט דאך נאך נישט דעמאלט'ס וועגן דעם "עק וועלט", נאר ער האט זיך דעמאלט'ס גלייך מודה געווען, און ער האט דאך שוין דעמאלט'ס גלייך געזאגט אז: "צָדְקָה מִמֶּנִּי" וגו', ווייל יהודה האט דאך שוין גאנץ גוט געוואוסט ביי זיך, אז אפילו אויב איך האב געהאט אמאל א דורך פאל, קען איך דאך אבער נאך אלץ אָן גיין ווייטער, און דאס איז געווען זיין גרויס'קייט, אז ער האט געקענט ארויס זאגן פון זיין מויל די ווערטער: "צָדְקָה מִמֶּנִּי" וגו' – אז דו ביזט גערעכט.

און וועגן דעם טאקע ווערט יהודה צו גע'גליכן צו א "לייב", ווייל ער האט געהאט די: מִדַּת "הַגְּבוּרָה" אזוי ווי א "לייב", און ער האט פארשטאנען, אז אפילו ווען א מענטש האט אמאל א דורך פאל, ווערט נאך נישט וועגן דעם עק וועלט, נאר פארקערט, פון דעם דורך פאל וועל איך "נתעלה" ווערן, און פון דעם דורך פאל וועל איך מיר דער הייבן נאך העכער צום הייליגן באשעפער.

ווייל די ספרים הק' לערנען דאך אונז שוין, אז אויב א מענטש האט געהאט אמאל א שטארקע "ירידה" אין עבודת השם יתברך, זאל ער דעמאלט'ס וויסן, אז דאס איז א סימן אז עס ווארט איהם יעצט אפ גאר גאר א גרויסע עליה אין עבודת השם יתברך, און ער גייט זיך בעזרת השם יתברך צוריק אויף הייבן, און די גאנצע זאך דא איז דאך פשוט געווען א: "ירידה לצורך עליה", ווייל א "דורך פאל" קומט דאך נאר צו א מענטש כדי איהם שטערקער צו מאכן, און ממילא וועגן דעם דארף דאך א מענטש שטענדיג טראכטן, אז איך דער שרעק זיך נישט פון מיין "דורך פאל", נאר פארקערט, איך שטארק זיך ווי א לייב, און איך גיי אָן ווייטער, און דאס איז געווען די: מִדַּת "הַגְּבוּרָה" פון יהודה, אז ער האט זיך געקענט שטארקן נאך א "דורך פאל".

און ממילא דאס זאגט אונז דא דער הייליגער תורה הק', אז: "גּוּר" – אז אפילו אויב עס איז געשעהן אמאל עפעס א "דורך פאל", [ווייל די לשון פון: "גּוּר" איז דאך א לשון פון "צייט ווייליג"], אפילו אזוי: "אַרְיֵה יְהוּדָה" – אפילו אזוי וועל איך אבער נאך אלץ בלייבן שטארק ווי א "לייב" אזוי ווי דער שטארק'ער קעניג "יהודה" און זיך נישט פארלירן, און: "מִטֶּרֶף" – און פון א דורך פאל פון "מכירת יוסף" [וואס די שבטים האבן דאך דערביי געזאגט דעם לשון: "טָרֹף טֹרַף" יוֹסֵף].. טאקע פון דעם: "בְּנִי עָלִיתָ" – טאקע פון דעם וועל איך אויף בויען מיין "עליה" און זיך נישט פארלירן פון דעם.

איי פארוואס טאקע..?! וואס הייסט אז איך וועל זיך אויף בויען דורך א "דורך פאל"..?! נאר די תירוץ אויף דעם איז, ווייל די יסוד וואס א יודיש קינד דארף דאך שטענדיג וויסן איז דאך, אז: "כָּרַע" – אז אפילו ווען איך פאל.. איז דאך אבער נאך אלץ: "רָבַץ כְּאַרְיֵה" – האלט איך זיך דאך אבער נאך אלץ שטארק ווי א "לייב" זיך נישט צו פארלירן, און יא טייערע יודן, דאס איז געווען די "שיינ'קייט" פון "יהודה", אז אפילו אויב איך האב געהאט אמאל א "דורך פאל", שטארק איך זיך אבער נאך אלץ ווי א "לייב" כדי נישט אונטער צו ברעכן און אויף געבן.

און דאס איז דאך טאקע אויך געווען די סיבה פארוואס יעקב אבינו האט דא געזאגט אויף "יהודה", אז: "יְהוּדָה אַתָּה יוֹדוּךָ אַחֶיךָ" – אז אלע דיינע ברודער'ס וועלן דיר אויס לויבן, ווייל דאס איז דאך די גרעסטע לויב וואס עס איז שייך אויף דער וועלט, אז א מענטש האלט זיך שטארק ווי א "לייב" אין א יעדע סארט מצב וואו ער זאל זיך נאר געפונען, און דאס איז דאך די שענסט'ע זאך אויף דער וועלט, אז א יודיש קינד נוצט אויס זיין "דורך פאל" וואס ער האט געהאט: "לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ":

זְבוּלֻן לְחוֹף יַמִּים יִשְׁכֹּן וְהוּא לְחוֹף אֳנִיּוֹת וְיַרְכָתוֹ עַל צִידֹן: רש"י הק' איז אונז מסביר דא, אז "שבט יששכר" זענען געזעצן און געלערנט דער הייליגער תורה הק', און "שבט זבולון" פלעגן ארבעטן ביי דעם גרויסן טייך און ברענגען צו עסן פאר "שבט יששכר" וואס זענען געזעצן און געלערנט דער הייליגער תורה הק', אזוי ווי רש"י הק' זאגט דאך אונז שוין טאקע קלאר דא בלשון קדשו, אז: "זבולון עוסק בפרקמטיא" – אז "שבט זבולון" זענען דאך אלעמאל געווען באשעפטיגט מיט איין האנדלען סחורה, און מיט די געלט וואס זיי האבן פארדינט פון דעם, האבן זיי: "וממציא מזון לשבט יששכר" – האבן זיי

געשפייזט גאנץ "שבט ישׂשכר" וואס זענען געזעצן: "בְּאָהֳלָהּ שֶׁל תּוֹרָה" א גאנץ לעבן, און דורך דעם וואס "שבט זבולון" האט געשפייזט "שבט ישׂשכר", איז דאך אויס געקומען, אז גאנץ "שבט ישׂשכר" האט געקענט זיצן און לערנען דער הייליגער תורה הק' אָן קיין שום "דאגת הפרנסה", ווייל "שבט זבולון" האט דאך שוין גע'דאגה'עט פאר זיי אז זיי זאלן האבן צו עסן.

און עס קומט דאך אויס פון דעם א מורא'דיגע זאך, ווייל עס קומט דאך אויס פון דעם, אז די זכות פון די: "לִמּוּד הַתּוֹרָה" וואס "יששכר" האט געלערנט, איז דאך בעצם געווען די זכות פון "זבולון", ווייל אויב "שבט זבולון" וואלטן נישט גע'ארבעט שווער צו ברענגען פרנסה, וואלט דאך דעמאלט'ס "שבט ישׂשכר" נישט געקענט זיצן און לערנען דער הייליגער תורה הק', ווייל זיי וואלטן דאך דעמאלט'ס געדארפט טראגן די "דאגת הפרנסה" און גיין זוכן א וועג ווי אזוי זיך צו קענען שפייזן, און ממילא קומט דאך אויס פון דעם, אז די זכות פון די תורה וואס "שבט ישׂשכר" האט געלערנט, איז דאך נאר געווען א דאנק "שבט זבולון" וואס האט זיי אלעס גע'דאגה'עט.

אבער מען דארף דאך אבער דא ארויס ברענגען נאך א נקודה, ווייל מען דארף דאך דא אויך ארויס ברענגען, אז חוץ פון דעם וואס "שבט זבולון" האט פארמאגט די געוואלדיגע גרויסע זכי' אז ער איז א: "מחזיק מקום תורה", איז ער דאך אויך געווען א: "שליח מן השמים" צו שפייזן גאנץ: "שבט ישׂשכר" און געבן צו עסן פאר יודישע קינדער, און ממילא קומט דאך אויס פון דעם, אז "שבט זבולון" האט דא זוכה געווען צו צוויי גרויסע געוואלדיגע זאכן:

1) אז ער האט געהאט די זכי' צו זיין א: "מחזיק מקום תורה".

2) אז ער האט געהאט די זכי' צו זיין א: "שליח מן השמים" צו "ברענגען עסן פאר יודישע קינדער".

און ממילא עס איז דא פשוט מקיום געווארן אויף "שבט זבולון" דעם פסוק וואס עס שטייט אין משלי (קפיטל ל"א פסוק כ"ו), אז: "וְתוֹרַת חֶסֶד עַל לְשׁוֹנָהּ", ווייל "שבט זבולון" האט דאך שוין פארמאגט ביידע זאכן, סיי די: "זכות התורה", און סיי די: "זכות של חסד" צו "שפייזן יודישע קינדער", ווייל איינער וואס איז א: "מחזיק מקום תורה", איז דאך דעמאלט'ס זוכה צו ביידע זכותים, סיי א זכות פון: "החזקת התורה", און זיי א: "זכות של חסד" פון "געבן צו עסן פאר יודישע קינדער".

און דער ענין אז "שבט זבולון" איז געווען א: "שליח מן השמים" צו שפייזן "שבט ישׂשכר" איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק פון: "זְבוּלֻן לְחוֹף יַמִּים יִשְׁכֹּן" וגו', ווייל די ראשי תיבות פון די ווערטער: "זְבוּלֻן לְחוֹף יַמִּים יִשְׁכֹּן" – איז דאך טאקע אויך גימטריא: "זָן", ווייל יא ר' יוד, חוץ פון דעם וואס "שבט זבולון" האט געהאט דעם גרויסן: "זכות התורה" פון "שבט ישׂשכר", האבן זיי דאך נאך אויך געהאט דעם גרויסן: "זכות של חסד" פון "שפייזן יודישע קינדער", וואס מיר קענען זיך דאך בעצם בכלל נישט פָאר שטעלן וואס דאס מיינט געבן צו עסן פאר א: "יְצוּר כַּפָּיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא":

יִשָּׂשכָר חֲמֹר גָּרֶם רֹבֵץ בֵּין הַמִּשְׁפְּתָיִם: עס ווערט דאך שוין געברענגט אין די ראשונים, אז ווען מען זעהט אין דער הייליגער תורה הק' אז די תרגום טייטש'ט נישט אפ די פסוק אויף דעם פשוט'ן פשט, נאר ער טייטש'ט אפ די פסוק על דרך דרוש, מיינט דאך דאס דעמאלט'ס אז די פסוקים זענען דעמאלט'ס גאר גאר הויעכ'ע פסוקים, און די פשטים וואס מען טייטש'ט אריין דעמאלט'ס אין די פסוקים, זענען דאך טאקע דעמאלט'ס ממש פשוט פשט, אבער על כל פנים.. ווען מען זעהט אזעלכע הויעכ'ע טיפע פסוקים, דארף מען דאך דעמאלט'ס גוט געדענקען, אז די גאנצע: "בִּרְכַּת יַעֲקֹב" איז דאך אין אמת'ן: "כָּל כֻּלּוֹ אֵשׁ קוֹדֶשׁ שַׁלְהֶבֶת יָ-הּ", און מיר קענען דאך בעצם בכלל נישט האבן קיין שום השגה אין דעם, אבער אויף אזוי פיל יא.. שטייט דאך שוין אין די מפרשים, אז די פסוק פון: "יִשָּׂשכָר חֲמֹר גָּרֶם" רעדט זיך וועגן דער הייליגער "תורה" הק'.

און ממילא קען מען דאך טייטש'ן לויט דעם, אז: "יִשָּׂשכָר חֲמֹר גָּרֶם" – אז ווען א מענטש איז זוכה און ער איז נעמט אויף זיך דעם גרויסן "עול תורה" אזוי ווי א אייזל וואס מען לאדענט איר אָן מיט גאר גאר אסאך זאכן און זי קען אלעס סובל זיין, אזא מענטש קען זוכה זיין צו: "רֹבֵץ בֵּין הַמִּשְׁפְּתָיִם" – אזא מענטש קען זוכה זיין אז ער וועט קענען מאכן א צווישן שייד צווישן צוויי סארטן דיבורים, צווישן "דיבורי קודש" און "דיבורי חול", ווייל דיווארט: "מִשְׁפְּתָיִם" איז דאך אויך א לשון פון: "שְׂפָתַיִם" – ליפן, ווייל יא ר' יוד, דער הייליגער תורה הק' וויל דאך אונז דא זאגן אזוי, אז אויב: "יִשָּׂשכָר חֲמֹר גָּרֶם" – אז אויב א מענטש גארטל'ט זיך אונטער און ער האט די כח סובל צו זיין דעם "עול תורה", וועט ער דעמאלט'ס זוכה זיין צו: "רֹבֵץ בֵּין הַמִּשְׁפְּתָיִם" – וועט ער דעמאלט'ס זוכה זיין אז ער וועט קענען מאכן א חילוק צווישן צוויי סארטן דיבורים, צווישן "דיבורי קודש" און "דיבורי חול", און ער וועט נישט רעדן קיין: "דְבָרִים הָאֲסוּרִים" ח"ו, און שבת קודש וועט ער נישט רעדן קיין דיבורי חול ח"ו, און בשעת'ן דאווענען וועט ער נישט רעדן בכלל ח"ו, און ער וועט אויך נישט רעדן בשעת קריאת התורה ח"ו, און דאס גלייכן.

און אויב ער וועט זוכה זיין צו אזא "ברכה" – אז ער וועט זיין אפ געהיטן אין "שמירת הדיבור", דעמאלט'ס איז ער דאך די גליקלעכ'סטע מענטש אויף דער וועלט, ווייל אויב די מויל איז הייליג, דעמאלט'ס האט ער דאך א כח מיטן מויל.

ווייל מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט וואס חז"ל האבן דאך אונז שוין אויס געלערנט, אז: "אֵין כֹּחֵינוּ אֶלָּא בְּפֶּה" – אז די כח פון די יודישע קינדער איז דאך נאר מיט זייער "מויל" – די כח פון די יודישע קינדער איז דאך נאר מיט זייער: "קוֹל קוֹל יַעֲקֹב", און די גאנצע טעם פארוואס נישט יעדער איינער איז זוכה אז זיינע ווערטער ווערן מקיום, איז דאך נאר, ווייל מען היט זיך נישט אפ דאס "מויל" ווי עס דארף צו זיין, און ממילא אויב א מענטש וועט זוכה זיין צו א "ברכה" פון דער הייליגער תורה הק' אז ער וועט קענען מאכן א צווישן שייד צווישן א גוטע דיבור מיט א שלעכטע דיבור, קען ער דאך דורך דעם צו קומען צו גאר גאר גרויסע זאכן.

און די ווערטער: "יִשָּׂשכָר חֲמֹר גָּרֶם רֹבֵץ" – איז דאך טאקע אויך ראשי תיבות: "יַחְגֹּר", און דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז יא ר' יוד, אויב דו וועסט זיך טאקע באמת אונטער גארטל'ן מיט א באזונדער'ע שטארקייט מקבל צו זיין אויף דיר דעם: "עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם", און דו וועסט נעמען אויף דיר סובל צו זיין דעם "עול תורה" אזוי ווי א אייזל, זאגט דיר דעמאלט'ס דער הייליגער תורה הק', אז דו וועסט זוכה זיין, אז: "רֹבֵץ" – אז דו וועסט קענען צוריק האלטן א שלעכט'ן דיבור פון ארויס גיין פון דיין מויל, און דו וועסט דעמאלט'ס קענען מאכן א חילוק: "בֵּין הַמִּשְׁפְּתָיִם" – צווישן צוויי סארטן "דיבורים", צווישן "דיבורי קודש" און "דיבורי חול".

און מען וועט דאך שוין טאקע דעמאלט'ס קענען ליינען אויף דיר דעם פסוק פון: "שֹׁמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ שֹׁמֵר מִצָּרוֹת נַפְשׁוֹ", ווייל אויב: "שֹׁמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ" – ווייל אויב א מענטש היט זיך אפ דאס מויל און דאס צונג, און ער רעדט נישט ח"ו קיין: "דְבָרִים הָאֲסוּרִים", דעמאלט'ס: "שֹׁמֵר מִצָּרוֹת נַפְשׁוֹ" – דעמאלט'ס היט ער זיך דאך אליין אפ פון צרות.

אבער וואס איז טאקע פשט פון דעם פסוק: "שׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ שׁוֹמֵר מִצָּרוֹת נַפְשׁוֹ"..?! און די תירוץ אויף דעם איז דאך, אז שלמה המלך זאגט דאך אונז שוין בפירוש אין משלי (קפיטל כ"א פסוק כ"ג), אז: "שֹׁמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ" – אז אויב א מענטש היט זיך אפ דאס מויל, און אויב א מענטש היט זיך אפ דאס צונג, און ער רעדט נישט ח"ו קיין: "דְבָרִים הָאֲסוּרִים", דעמאלט'ס: "שֹׁמֵר מִצָּרוֹת נַפְשׁוֹ" – היט ער זיך דאך דעמאלט'ס אליין אפ פון אלע סארטן צרות וואס זענען נאר פארהאנען אויף דער וועלט.

און עס איז דאך טאקע אויך כדי אָן צו מערקן דא, אז עס שטייט דאך נישט אין פסוק דא דעם לשון, אז: "שׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ" – אז אויב א מענטש וועט זיך אפ היטן דעם דיבור, דעמאלט'ס: "יִהְיֶה שָׁמוּר מִכָּל

צָרָה" – וועט ער דעמאלט'ס "ווערן אפ געהיטן" פון א יעדע סארט צרה וואס עס איז נאר דא אויף דער וועלט, ניין ניין ניין, נאר עס שטייט דא אין פסוק דעם לשון, אז: "שׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ" – אז אויב א מענטש וועט זיך אפ היטן דעם דיבור, דעמאלט'ס: "שׁוֹמֵר" מִצָּרוֹת נַפְשׁוֹ – היט ער זיך דאך דעמאלט'ס אליין אפ פון אלע סארטן: "צָרוֹת יָגוֹן וַאֲנָחוֹת" וואס עס איז נאר שייך אויף דער וועלט, ווייל די זכות פון "שמירת הלשון" אליין איז דאך אזוי גרויס.. אז די זכות פון "שמירת הלשון" אליין איז א "שמירה" אויף דעם מענטש, און די זכות פון "שמירת הלשון" אליין שיצט דאך איהם שטענדיג: "בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת וּבְכָל שָׁעָה".

און עס איז דאך שוין טאקע אויך באקאנט פאר א יעדעם איינעם די באקאנט'ע מעשה וואס מען דערציילט דאך שוין נאך בשם מגידים, אז עס איז געווען אמאל א גרויסע מגיפה אין א געוויסע שטאט, און די מענטשן פון די שטאט האבן זיך דעמאלט'ס גאר שטארק געמוטשע'ט אויס צו געפונען די סיבה פארוואס די מגיפה איז געקומען אויף זייער שטאט, ביז.. מען האט זיי מגלה געווען פון הימל דורך עפעס א גרויסע ל"ו צדיק, אז די סיבה פארוואס די מגיפה איז געקומען איז געווען, ווייל מען האט זיך נישט געהיטן דעם דיבור און מען האט גערעדט: "דְּבָרִים הָאֲסוּרִים", און ווען די מענטשן פון די שטאט האבן זיך טאקע באמת מקבל געווען מער נישט צו רעדן קיין: "דְּבָרִים הָאֲסוּרִים", איז דאך טאקע דעמאלט'ס גלייך געווארן: "וַתֵּעָצַר הַמַּגֵּפָה", און די מגיפה האט זיך טאקע דעמאלט'ס גלייך אפ געשטעלט.

ווייל יא טייערע יודן, איר זאלט וויסן אז: "דְּבָרִים הָאֲסוּרִים" קען דאך צו ברענגען צו געפערליכ'ע זאכן, ווייל דאס פארשמירט דאך אינגאנצן די "מויל" פון א מענטש, און אויב די מויל פון א מענטש איז נישט ריין, דעמאלט'ס קען מען דאך נישט אריין קומען אין דעם בית המדרש כדי צו דאווענען פארן הייליגן באשעפער, ווייל די מויל איז דאך אום ריין, און א שמוציגע כלי קען דאך ניט אמאל אריין קומען צום מלך בכלל, ווייל עס האט דאך גאר גאר א שלעכטע ריח, און מען קען דאך נישט אריין ברענגען קיין שמוץ אין דעם שיינעם ריינעם: "פלטין של מלך".

אבער מדה טובה מרובה.. ווען א יודיש קינד היט זיך יא אפ דאס "מויל" און דאס "צונג", און ער האלט דאס טאקע באמת הייליג און ריין, ווערט דאך דעמאלט'ס זיין גאנצע: "נֶפֶשׁ" אויס גערייניגט, און זיין גאנצע רוח ווערט דאך איהם דעמאלט'ס הייליג און ריין.

און עס שטייט דאך שוין טאקע אויך אין די ספרים הק', אז וויבאלד משה רבינו האט געהאט אזא ריינע מויל, ממילא וועגן דעם האט ער טאקע געקענט זוכה זיין צו: "פֶּה אֶל פֶּה אֲדַבֶּר בּוֹ" – ממילא וועגן דעם האט ער טאקע געקענט זוכה זיין אז ער האט געקענט רעדן מיטן אייבערשטן אליין: "כַּאֲשֶׁר יְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ" – אזוי ווי איינער וואס רעדט צו זיין חבר, איי פארוואס..?! די תירוץ אויף דעם איז, צוויי ווערטער, און די צוויי ווערטער זענען: "קְדֻשַּׁת הַדִּבּוּר" – ווייל משה רבינו האט זיך דאך אפ געהיטן: "בִּקְדֻשַּׁת הַדִּבּוּר", און ממילא וועגן דעם טאקע האט ער געקענט זוכה זיין ביי מתן תורה אז: "מֹשֶׁה יְדַבֵּר" – אז משה רבינו וועט רעדן, און: "וְהָאֱלֹקִים יַעֲנֶנּוּ בְקוֹל" – און דער אייבערשטער וועט ארויס רעדן פון די האלז פון משה רבינו, ווייל ער איז דאך געווען גאר שטארק אפ געהיטן: "בִּקְדֻשַּׁת הַדִּבּוּר".

און א יעדע יודיש קינד דארף דאך טאקע שטענדיג בעטן דעם הייליגן באשעפער, אז אין מיין מנין וואו איך דאווען זאל יא זיין שטיל, און מען זאל נישט ח"ו רעדן דארטן קיין דברים בטלים אדער: "דְּבָרִים הָאֲסוּרִים" רח"ל, ווייל כדי אז מיינע תפילות זאלן קענען ארויף גיין אויבן אין הימל, דארף מען דאך אבער קודם זיכער מאכן אז "מען רעדט נישט ביים דאווענען", ווייל עס איז דאך שוין באקאנט פאר א יעדעם איינעם, אז עס ווערט דאך שוין געברענגט אין די ספרים הק', אז איינער פון די טעמים פארוואס מען מעג אָן שרייען איינער וואס רעדט בשעת'ן דאווענען איז דאך, ווייל אויב איינער רעדט בשעת'ן דאווענען, שטערט ער דאך דעמאלט'ס אלע תפילות [פון דעם גאנצן מנין] פון ארויף גיין אויבן אין הימל, און ממילא קומט דאך אויס פון דעם, אז דער מענטש וואס רעדט בשעת'ן דאווענען איז דאך א פשוט'ע

"גזלן", ווייל ער גזל'ט דאך אוועק אלע מיינע תפילות און בקשות וואס איך בעט מיר דא אויס ביים הייליגן באשעפער.

און איינער וואס רעדט בשעת'ן דאווענען איז דאך נאך אפילו "ערגער" ווי א "גזלן", ווייל א "גזלן" נעמט דאך נאר סך הכל אוועק מיין "געלט" – ווייל א "גזלן" נעמט דאך נאר סך הכל אוועק מיין "גשמיות", אבער דער מענטש וואס רעדט בשעת'ן דאווענען נעמט דאך אוועק אלע מיינע טייערע "תפילות" און "בקשות" וואס איך בעט מיר דא אויס ביים: "מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", און דער מענטש וואס רעדט בשעת'ן דאווענען נעמט דאך פשוט אוועק מיין "רוחניות", און ממילא וועגן דעם איז ער דאך נאך אסאך אסאך ערגער ווי סתם א "גזלן", ווייל: "הרי הוא גוזל את הרבים" – ווייל דער מענטש וואס רעדט בשעת'ן דאווענען איז דאך א: "גוזל את הרבים", און דער מענטש וואס רעדט בשעת'ן דאווענען איז דאך א: "הבא להרגך ברוחניות ובגשמיות", ווייל דיינע תפילות קענען דאך נישט נתקבל ווערן אזוי.

און ממילא וועגן דעם איז דאך טאקע דא די הייליגע מצוה פון: "הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ" – און ממילא וועגן דעם איז דאך טאקע דא די הייליגע מצוה אז דו זאלסט דאס נישט צו לאזן ח"ו, נאר דו זאלסט מקיים זיין דאס וואס עס שטייט אין שולחן ערוך, אז: "וגוערין בו" – אז מען דארף אָן שרייען אזא איינער וואס רעדט אינמיטן חזרת הש"ץ, און דו זאלסט צו גיין צו דעם יוד אָן קיין מורא, און דו זאלסט איהם דעמאלט'ס זעהן צו מוסר'ן אויף א שיינעם אופן, און: "וְלֹא תִשָּׂא עָלָיו חֵטְא", און יא ר' יוד, דו דארפס'ט דעמאלט'ס צו גיין צו דעם מענטש וואס רעדט בשעת'ן דאווענען, און דו דארפס'ט איהם דעמאלט'ס זאגן מיט ווייעכ'ע ווערטער, אז.. ר' יוד, "מען רעדט נישט בשעת'ן דאווענען".

און בכלל דארף מען דאך שטענדיג וויסן און געדענקען, אז דער הייליגער זוהר הק' שרייבט דאך שוין גאר גאר שארפע ווערטער אויף אזא איינער וואס רעדט בשעת'ן דאווענען, ווייל עס ווערט דאך שוין געברענגט אין דעם הייליגן זוהר הק', אז אויב איינער רעדט בשעת'ן דאווענען, דעמאלט'ס איז דאך: "אין לו חלק באלקי ישראל" רחמנא ליצלן, איי.. וועט דאך איינער אבער פרעגן, אז פארוואס איז דאס אזוי הארב..?! און פארוואס ווען איינער רעדט בשעת'ן דאווענען דעמאלט'ס איז: "אין לו חלק באלקי ישראל" – פארוואס ווען איינער רעדט בשעת'ן דאווענען דעמאלט'ס איז ער נישט קיין "יוד"..?! פארוואס איז די זאך פון רעדן בשעת'ן דאווענען אזוי הארב..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז דאך שוין זייער פשוט, ווייל לאמיר זיך פָאר שטעלן אז צעהן מענטשן קומען דא יעצט אריין צו גאר גאר א גרויסע קעניג פון גאר גאר אסאך מדינות, און אלע צעהן מענטשן קומען דא בעטן פון דעם קעניג אז דער קעניג זאל זיי אפ ראטעווען זייער לעבן פון עפעס גאר גאר א גרויסע: "רוֹצֵחַ" וואס וויל זיי הארגע'נען, און זיי קומען דא יעצט אלע אריין צום גרויסן קעניג, און זיי הייבן דא יעצט אלע אָן צו בעטן זייערע בקשות פון דעם גרויסן קעניג.

אבער פלוצלונג.. באמערקט דער קעניג ווי איינער פון די צעהן מענטשן האט ארויס גענומען א קליינע "טלפון" פון זיין טאש, און פונקט יעצט האט ער עפעס זייער וויכטיג צו רעדן מיט זיין חבר, אבער.. דער קעניג איז דאך א גוט'ער, און ממילא וועגן דעם טראכט דעמאלט'ס דער קעניג גלייך, אז נו.. אפשר איז דאס גאר גאר וויכטיג, און אפשר האלט יעצט איינער ממש פאר: "יְצִיאַת נְשָׁמָה" און עס איז ממש "פיקוח נפש" אויף צו הייבן דעם "טלפון" יעצט, אדער אפשר האט דער מענטש פארגעסן וואו ער געפונט זיך יעצט בכלל, און ממילא וועגן דעם האט דער קעניג געטראכט דעמאלט'ס, אז לאמיר צוווארטן נאך א פָּאר מינוט, און אזוי.. וועט ער זיך אפשר כאפן וואו ער געפונט זיך יעצט.

אבער פלוצלונג.. זעהט דער קעניג וואו דער מענטש פלאצט אויס אין א הויעכ'ן געלעכטער, און ער נעמט זיך דעמאלט'ס אריין שרייען אין זיין טלפון, אז "וואס איז נייעס"..! מיט נאך פארשידענ'ע שטותים והבלים, און דא.. איז דאך שוין דער קעניג געווארן גאר גאר שטארק אויף גערעגט אויף דעם מענטש, ווייל יעצט האט דאך שוין דער קעניג געכאפט אז דא רעדט מען דאך נישט פון עפעס א "שוגג", נאר מען

רעדט דאך דא פון גאר גאר א נידריג'ער מענטש, און ממילא וועגן דעם האט זיך דעמאלט'ס דער קעניג געגעבן א צו שריי אויף איהם, אז דו "מוריד במלכות" וואס דו ביזט..! דו שעמס'ט זיך נישט צו רעדן אפילו איין ווארט בשעת ווען דו שטייס'ט פארן קעניג..?! און נאך דערצו, ווען דו ביזט זיך געקומען בעטן אז איך זאל דיר אפ ראטעווען דיין "לעבן"..?! און דו האסט נאך יעצט א השגה "ארום צו לאכן" מיט דיינע חברים אין אזא פלאץ..?! "מוריד במלכות" וואס דו ביזט..! נעמט'ס איהם ארויס פון דא [האט דעמאלט'ס דער קעניג גלייך אויס געשריגן], איך וויל איהם מער נישט זעהן דא פאר מיינע אויגן, און ועד כאן המשל.

און די נמשל פון דעם איז דאך שוין זייער פארשטענדליך, ווייל אויב א מענטש רעדט בשעת'ן דאווענען, און נאך דערצו אויב א מענטש "לאכט ארום" מיט א "קלות ראש" בשעת'ן דאווענען, ברענגט דאך דאס דעמאלט'ס ח"ו אַן א מורא'דיגע: "חֲרוֹן אַף" אויף דעם מענטש, ווייל דאס ווייזט דאך דעמאלט'ס, אז דער מענטש איז דאך בעצם בכלל נישט מחשיב די "צייט" וואס ער פארמאגט צו רעדן צום גרויסן: "מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", און דאס ווייזט דאך דעמאלט'ס אויך, אז דער מענטש איז ח"ו א "מוריד במלכות שמים" רחמנא ליצלן, און ממילא וועגן דעם שרייבט דאך טאקע דער הייליגער זוהר הק' גאר גאר שארף אויף אזא איינער וואס רעדט בשעת'ן דאווענען, און וועגן דעם שרייבט דאך שוין טאקע דער הייליגער זוהר הק', אז אויב איינער רעדט בשעת'ן דאווענען, דעמאלט'ס איז: "אין לו חלק באלקי ישראל" רחמנא ליצלן.

אבער מדה טובה מרובה.. אויב א מענטש היט זיך יא אפ דעם דיבור ווי עס דארף צו זיין, און ער רעדט נישט ח"ו בשעת'ן דאווענען, קען ער דאך שוין דעמאלט'ס אויס פועל'ן גאר גאר גרויסע ישועות מיט זיין "מויל", און ער קען דאך שוין דעמאלט'ס געראטעוועט ווערן פון א יעדע סארט צרה וואס עס איז נאר שייך אויף דער וועלט, ווייל שלמה המלך זאגט דאך אונז שוין בפירוש אין משלי (קפיטל כ"א פסוק כ"ג), אז: "שֹׁמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ" – אז אויב א מענטש היט זיך אפ דאס "מויל", און אויב א מענטש היט זיך אפ דאס "צונג", און ער רעדט נישט ח"ו קיין: "דְּבָרִים הָאֲסוּרִים" דעמאלט'ס: "שֹׁמֵר מִצָּרוֹת נַפְשׁוֹ" – היט ער זיך דאך דעמאלט'ס אליין אפ פון אלע סארטן צרות וואס עס איז נאר פארהאנען אויף דער וועלט, און דעמאלט'ס קען ער זיך דאך שוין טאקע איינמאל באנוצן מיט דעם גרויסן הייליגן כח פון דעם יודיש'ן פאלק וואס רופט זיך: "אֵין כֹּחֵינוּ אֶלָּא בְּפֶּה".

און די אמת איז דאך, אז די אמת'ע וועג ווי אזוי א יודיש קינד דארף אויף שטיין אינדערפרי און גיין אין בית המדרש אריין איז דאך, מיט א: "חֵשֶׁק" – מיט א "ברען", און מען דארף דאך "לויפן" אין בית המדרש אריין, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין חז"ל, אז: "לעולם ירוץ אדם לבית הכנסת" – אז ווען א מענטש גייט אין בית המדרש אריין, זאל ער נישט גיין דעמאלט'ס "שְׁטַאטְ'לֶעךְ", נאר ער זאל דעמאלט'ס "לויפן" אין בית המדרש אריין מיט א גליקלעכ'ע הארץ און מיט א פרייליכ'ע הארץ.

און ער זאל דעמאלט'ס טראכטן ביי זיך, אז געלויבט איז דער אייבערשטער אז איך האב ברוך השם זוכה געווען אריין צו גיין אין דעם הייליגן: "בֵּית יהו-ה", און געלויבט איז דער אייבערשטער אז איך קען דאנקען און לויבן דעם הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים" אויף זיינע אלע גרויסע: "חֲסָדִים" וואס ער טוט מיט מיר שטענדיג: "בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת וּבְכָל שָׁעָה":

וַיַּרְא מְנֻחָה כִּי טוֹב וְאֶת הָאָרֶץ כִּי נָעֵמָה וַיֵּט שִׁכְמוֹ לִסְבֹּל וַיְהִי לְמַס עֹבֵד: רש"י הק' זאגט אונז דא, אז: וַיֵּט שִׁכְמוֹ לִסְבֹּל "עול תורה", ווייל צו קענען לערנען דער הייליגער תורה הק', דעמאלט'ס דארף מען קענען האבן "קבלת עול", און ממילא קען מען טייטש'ן לויט דעם פשט פון רש"י, אז: "וַיַּרְא מְנֻחָה כִּי טוֹב" – אז אויב א מענטש זעהט אז די מנוחה איז איהם גוט, און ער טראכט צו זיך, אז.. נע, איך וויל זיך נישט אָן שטרענגען צו מקבל זיין דעם עול תורה, ווייל: "וְאֶת הָאָרֶץ כִּי נָעֵמָה" – ווייל די "ארציות" – די "גשמיות" איז דאך אזוי זיס, זאגט דעמאלט'ס די תורה פאר אזא מענטש, אז ער זאל ער וויסן, אז עס איז

נישט אזוי, די תאות עולם הזה זענען גארנישט אזוי געשמאק ווי דאס קוקט אויס, ווייל די תאות עולם הזה איז דאך פארקערט פון דעם אייבערשטן, און דאס נעמט אוועק א מענטש פון דעם אייבערשטן.

און די פסוק זאגט פאר אזא איינער, אז ער זאל גוט געדענקען, אז נאך דעם: "וַיַּרְא מְנֻחָה כִּי טוֹב וְאֶת הָאָרֶץ כִּי נָעֵמָה" – נאך דעם וואס א מענטש האט שוין טועם געווען דעם טעם פון די עולם הזה'דיגע וועלט, און ער זינקט אין דעם, דעמאלט'ס זאל ער וויסן, אז נאך דעם קומט ח"ו א: "וַיֵּט", און ער וועט ח"ו אוועק גיין פון דעם אייבערשטן.

און די ווארט: "וַיֵּט" – איז דאך טאקע אויך גימטריא: כ"ה, וואס דאס איז פארקערט פון דעם שם הוי-ה, און פארקערט פון דעם אייבערשטן, ווייל די תאות עולם הזה איז א סתירה מיט עבודת השם, און א ערליכע יוד קען נישט זינקען אין די תאות עולם הזה, ווייל די תאות עולם הזה ברענגט דאך אראפ דעם מענטש צו לעבן נידריג, און דאס מאכט אז ער זאל פארגעסן אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין פרשת האזינו, אז: "וַיִּשְׁמַן יְשֻׁרוּן וַיִּבְעָט", ווייל א יוד טאר נישט זיין פאר זינקען אין די הבלי עולם הזה, נאר א יוד דארף אויס נוצן די חלק הגשמי פאר עבודת השם, דאס מיינט צו זאגן, אז ער דארף עסן, כדי צו קענען דינען דעם אייבערשטן, און ער דארף טרינקען, כדי צו קענען דינען דעם אייבערשטן, און ער דארף שלאפן, כדי צו קענען דינען דעם אייבערשטן.

און נישט פשט אז ער זאל נישט עסן, פארקערט, ער זאל יא עסן, און ער זאל גוט עסן, נאר ער זאל נישט מאכן פון דעם עסן א עיקר, ווייל גשמיות קען אוועק נעמען א מענטש פון דעם אייבערשטן, און ממילא ווען א מענטש זעהט אז ער איז אזוי פארזינקען אין זיינע תאות, עד כדי כך.. אז ער זאגט שוין: "וַיַּרְא מְנֻחָה כִּי טוֹב וְאֶת הָאָרֶץ כִּי נָעֵמָה" – אז ער האט ליב די גשמיות, דעמאלט'ס זאל ער שנעל מאכן זיכער, אז: "וַיֵּט שִׁכְמוֹ לִסְבֹּל" – אז ער בייגט אונטער זיין פלייצע סובל צו זיין דעם עול תורה ועבודה.

איי.. וועט איינער אבער פרעגן, אז ווי אזוי ווייסטו אז מען רעדט דא פון סובל זיין א עול..?! וועגן דעם טאקע זאגט די פסוק ווייטער, אז: "וַיְהִי לְמַס עֹבֵד", וואס די ווערטער: "**וַ**יְהִי **לְ**מַס **עֹ**בֵד" – איז דאך ראשי תיבות: "עול", און ממילא ווייס איך שוין אז מען רעדט דא פון סובל זיין א "עול", און עס איז אזוי ווי עס וואלט געשטאנען אין דעם פסוק: "וַיֵּט שִׁכְמוֹ לִסְבֹּל עוֹל" – אז מען דארף אונטער בייגן א פלייצע כדי צו קענען סובל זיין אויף זיך א "עול".

אבער פון וואו ווייס איך טאקע אז מען רעדט דא פון קבלת עול "תורה"..?! וועגן דעם האבן מיר די סופי תיבות פון די ווערטער: "וַיְהִ**י** לָמַ**ס** עֹבֵ**ד**" – וואס דאס איז סופי תיבות: "סיד", וואס סיד גייט דאך ארויף אויף דער הייליגער תורה הק' כידוע, ווייל עס שטייט דאך אין פסוק, אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, אז: "וְשַׂדְתָּ אֹתָם בַּשִּׂיד" – אז מען זאל לייגן "סיד" – קאלעך אויף די לוחות (און די ווארט: "סִיד" קען מען שרייבן סיי מיט א שי"ן, און סיי מיט א סמ"ך כידוע), זעהט מען פון דעם, אז "סיד" גייט ארויף אויף די תורה, און ממילא שטימט שוין זייער גוט דאס וואס רש"י זאגט, אז: "וַיֵּט שִׁכְמוֹ לִסְבֹּל עוֹל תּוֹרָה", ווייל אין דעם פסוק ליגט טאקע באהאלטן דעם סוד פון: "קַבָּלַת עֹל תּוֹרָה":

דָּן יָדִין עַמּוֹ כְּאַחַד שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל: עס שטייט אין חז"ל, אז די צווייטע בית המקדש איז חרוב געווארן וועגן "שנאת חינם" – ווייל מען האט זיך פיינט געהאט איינער דעם צווייטן, און מיר דארפן דאס פארעכטן היינטיגע צייטן בשעת וואס מיר געפונען זיך טאקע אין דעם ביטער'ן גלות נאכן חורבן פון דעם צווייטן בית המקדש, און אין דעם זכות וואס יודישע קינדער וועלן זיך ליב האבן איינער דעם צווייטן, וועלן מיר בעזרת השם יתברך זוכה זיין אויס אויס געלייזט צו ווערן פון אונזער ביטער'ן גלות.

און עס איז נישט גענוג אז יעדער אין זיין משפחה האט זיך ליב, נאר א יעדע האט א חיוב ליב צו האבן א יעדע יוד פונקט ווי זיך אליין, אזוי ווי די פסוק זאגט אונז טאקע, אז: "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ" – אז דו זאלסט

ליב האבן דיין חבר [וואס איז נישט פונקט אזוי ווי דיר] ווי זיך אליין, און אנשטאדט "שנאת חינם" צווישן יודישע קינדער, דארף ווערן "אהבת חינם" צווישן יודישע קינדער, דאס מיינט צו זאגן, אז מען דארף ליב האבן א צווייטע יוד, בלויז ווייל ער איז א יוד, פשוט.. וועגן דעם, און נישט ווייל איך קען איהם גוט, אדער ווייל ער איז מיין חבר, נאר ווייל ער איז א חלק פון כלל ישראל.

און עס שטייט טאקע פון פריער'דיגע צדיקים, אז משיח וועט נישט קומען אין די זכות פון די תלמידי חכמים, נאר משיח וועט קומען אין דעם זכות פון די אלע מענטשן וואס לויפן ראטעווען יודישע קינדער ווען מען דארף נאר, און אפילו עס איז אינמיטן די נאכט, און אפילו זיי ווייסן נישט ווער דער מענטש איז, לויפן זיי נאך אלץ איהם צו ראטעווען, פארוואס..?! ווייל ער איז א יוד, און די סיבה פארוואס משיח וועט קומען אין זייער זכות איז דאך זייער פשוט, ווייל זיי זענען דאך מקיים דעם "אהבת חינם" – ליב צו האבן א צווייטן בלויז ווייל ער איז א יוד, און אפילו איך קען איהם נישט אזוי גוט.

און ממילא דאס איז פשט אין פסוק: "דָּן" – דער אייבערשטער וועט דַן זיין די יודישע קינדער, און ער וועט ברענגען די גאולה.. ווען עס וועט זיין: "כְּאַחַד שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל" – ווען אלע יודישע קינדער וועלן זיך ליב האבן: "כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד", און עס וועט זיין: כְּאַחַד "שִׁבְטֵי" יִשְׂרָאֵל – א: "אַחֲדוּת" פון די אלע שבטים פון כלל ישראל, דאס מיינט צו זאגן, אז אפילו ער איז נישט פון די זעלבע שבט ווי מיר, און אפילו ער איז נישט די זעלבע סארט מענטש ווי מיר, ווייל ער איז א ליטווישע, און איך בין א חסידישע, אדער ווייל ער איז א ספרד'ישע און איך בין א אשכנז'ישע, אפילו אזוי האב איך איהם נאך אלץ ליב ווי מיר אליין, פארוואס..?! ווייל ער איז א יוד.

און מיט מיין "אהבת חינם" וועל איך מקרב זיין די: "גְאוּלָה שְׁלֵמָה", ווייל: "וַיְהִי בִישֻׁרוּן מֶלֶךְ" – ווען וועלן מיר שוין זוכה זיין צו זעהן דעם מלך המשיח..?! ווען עס וועט זיין: "יַחַד שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל" – ווען אלע יודישע קינדער וועלן זיך האלטן צוזאמען, מיט א אמת'ע: "אַחֲדוּת", דעמאלט'ס וועלן מיר זוכה זיין אז עס וועט מקיום ווערן דאס וואס מיר שרייען שוין הונדערט'ער יארן, אז: "יִבָּנֶה הַמִּקְדָּשׁ עִיר צִיּוֹן תְּמַלֵּא".

און מיר בעטן טאקע ווייטער דעם אייבערשטן, אז עס נישט גענוג אז די בית המקדש זאך אויף געבויעט ווערן, נאר מיר וויל אויך קענען זוכה זיין צו: "וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן בְּרַחֲמִים" – דאס צו זעהן מיט אונזערע אויגן, ווי דער אייבערשטער וועט זיך צוריק קערן צו זיין וואוינונג, צו דעם הייליגן בית המקדש השלישי, און עס וועט נתגלה ווערן: "כְּבוֹד שָׁמַיִם":

מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ: עס שטייט פון צדיקים, אז ווען א נשמה קומט ארויף אויף יענע וועלט, דעמאלט'ס שטעלט מען איר גלייך אוועק פארן בית דין של מעלה, און אויב די נשמה איז ליידער נישט זוכה, און מען וויל איר פירן אין גיהנם אריין, דעמאלט'ס נעמט זי זיך שרייען הויעך: אברהם, יצחק, יעקב, משה, אהרן, יוסף, דוד, אבער קיינער ענטפערט איר נישט, אבער די נשמה געבט נישט אויף אזוי שנעל, און זי שרייט ווייטער: ראובן, שמעון, לוי, יהודה, יששכר, זבולון, דן, נפתלי, גד, אשר.. און ביי "אשר" שטעלט זיך דאס אפ.

ווייל "אשר בן יעקב" קומט צו גיין, און ער פרעגט די נשמה, אויב ווען ער האט געלעבט, האט ער געלערנט משניות, ווייל משניות איז די עסן פון די נשמה אויף יענע וועלט, אזוי ווי עס שטייט שוין פון צדיקים, און אויב ער ענטפערט יא, דעמאלט'ס כאפט איהם "אשר בן יעקב" ארויס פון די הענט פון די שלעכטע מלאכים, און ער טראגט אריין דעם נשמה אין גן עדן.

ווייל אויף "אשר בן יעקב" שטייט דאך אין די תורה, אז: מֵאָשֵׁר "שְׁמֵנָה" לַחְמוֹ, און: די ווארט: "שְׁמֵנָה" איז דאך די זעלבע אותיות ווי די ווארט: "נְשָׁמָה", ווייל נאר "אשר בן יעקב" קומט ראטעווען די נשמה אויף יענע וועלט אויב ער האט געלערנט משניות.

און ממילא זאגט אונז דער הייליגער תורה הק', אז דו ווייסט פון וועמען די נשמה באקומט א ענטפער אויף יענע וועלט..?! "מֵאָשֵׁר" – פון "אשר בן יעקב" – פון איהם באקומט די נשמה א ענטפער אויף יענע וועלט, אבער נאר אויב: "שְׁמֵנָה" – אבער נאר אויב ער האט געלערנט משניות אויף דער וועלט, ווייל אויב ער האט געלערנט משניות, דעמאלט'ס בלייבט דאס: "לַחְמוֹ" – זיין שפייז אויך אויף יענע וועלט, און וואס טוט אשר מיט א נשמה וואס האט געלערנט משניות..?!

זאגט אונז די פסוק, אז דו ווייסט וואס "אשר בן יעקב" טוט מיט א נשמה וואס האט געלערנט משניות אויף דער וועלט..?! אשר בן יעקב מאכט דעם: "וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ" – ער לייגט אריין דעם נשמה אין "גן עדן", און אלעס.. ווייל ער האט געלערנט משניות אויף דער וועלט, ווייל אונזערע חכמים האבן אונז געלערנט, אז משניות וואשט אויס די נשמה פון א יוד, און דאס רייניגט איהם אויס ביז'ן סוף, און די ווערטער: "וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ" – איז דאך סופי תיבות: "אָנֹכִי", ווייל די סוף פון א נשמה וואס לערנט משניות וועט זיין, אז: "וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ" – אז ער וועט קענען נהנה זיין: "מִזִּיו הַשְּׁכִינָה בְּגַן עֵדֶן":

כָּל אֵלֶּה שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל שְׁנֵים עָשָׂר וְזֹאת אֲשֶׁר דִּבֶּר לָהֶם אֲבִיהֶם וַיְבָרֶךְ אוֹתָם אִישׁ אֲשֶׁר כְּבִרְכָתוֹ בֵּרַךְ אֹתָם: עס שטייט פון צדיקים, אז ווען עס גייט אמאל אריבער א שוועריקייט אויף א מענטש, דעמאלט'ס טאר ער זיך ח"ו קיינמאל נישט פארלירן, נאר פארקערט, ער דארף געדענקען, אז זיין יעצטיגע מצב איז נאר דא כדי איהם צו שטערקער מאכן, און ממילא טאר זיך א מענטש בכלל נישט דערשרעקן פון דעם, נאר פארקערט, זיך שטענדיג פראבירן צו שטארקן איבער די פראבלעם, און שטענדיג בעטן דעם אייבערשטן אויף סייעתא דשמיא, און קיינמאל נישט אויף געבן.

ווייל מען זעהט דאך ביי משה רבינו, אז ער האט געדאוועענט צום אייבערשטן פינעף הונדערט און פופצן תפילות [כמנין וויפיל עס באטרעפט די ווארט: "וָאֶתְחַנַּן"] אז ער וויל אריין גיין אין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", און דער אייבערשטער האט איהם סוף כל סוף געזאגט, אז ער זאל מער נישט בעטן.

זאגט דער הייליגער מגלה עמוקות, אז אויב משה רבינו וואלט געבעטן נאך איין תפילה פארן אייבערשטן אז ער וויל אריין גיין אין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", דעמאלט'ס וואלט דער אייבערשטער איהם נאך געגעבן זיין פארלאנג, און ער וואלט טאקע געקענט אריין גיין אין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", און פון דעם זעהט מען דאך א מורא'דיגע זאך, אז אסאך מאל ווארט דער אייבערשטער אויף נאך איין תפילה פון א מענטש, און ער ווארט צו הערן פון דעם מענטש נאך איין תפילה מיט א אמת'דיג קייט, און גלייך נאך דעם העלפט איהם דער אייבערשטער גלייך.

ווייל חז"ל זאגן אונז, אז: "הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִתְאַוֶּה לִתְפִלָּתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל" – אז דער אייבערשטער גלוסט זייער שטארק צו די תפילות פון יודישע קינדער, און ער ווארט אזוי שטארק צו הערן זייער קול, און אויב בעט מען כסדר דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך וואס מען דארף נאר, דעמאלט'ס איז מען זוכה אז די: "אֱמוּנָה" ווערט אויף געבויעט ביי זיך אינעווייניג, און דעמאלט'ס קען מען אָן הייבן צו שפירן א נאנט שאפט צום אייבערשטן.

און עס שטייט טאקע פון איינער פון די פריער'דיגע צדיקים א מורא'דיגע מעשה אויף דעם, אז עס איז געווען אמאל א פרייע יוד, וואס עס איז געשטארבן אין א געוויסע שטעט'ל, און דער יוד איז געווען גאר גאר ווייט פון זיין א ערליכע יוד, ווייל ער איז ממש געווען א גרויסע רשע, און ער האט שטענדיג געזוכט צו פייניגן ערליכע יודן, האט זיך די רב פון שטאט אָן גערופן ווען דער פרייע יוד איז געשטארבן, אז עס טוט זיך יעצט א מורא'דיגע רעש אין אלע הימלען, האט זיך אלע מענטשן זייער שטארק געוואונדערט אויף זיינע ווערטער, און מען האט איהם געפרעגט, וואס הייסט..?! דער מענטש איז דאך נישט געווען קיין צדיק..?! און ממילא פארוואס רעש'ט זיך אין אלע הימלען ווען ער גייט אוועק פון דער וועלט..?!

האט איהם דער צדיק גע'ענטפערט, אז טאקע דערפאר רעש'ט זיך אין אלע הימלען וועגן איהם, ווייל מען האט דאך איהם שוין אראפ געשיקט אויף דער וועלט פאר זיבעציג יאר צוריק, און זייט דעמאלט'ס האט מען דאך נאך קיינמאל נישט געהערט פון איהם, ווייל ער האט קיינמאל נישט גערעדט קיין איין ווארט צום אייבערשטן, און ער האט קיינמאל נישט געבעטן קיין איין תפילה צום אייבערשטן, און ממילא יעצט.. ווען ער קומט ארויף אויף יענע וועלט, טוט זיך א רעש אין אלע הימלען, ווייל מען פרעגט דער נשמה, וואו ביזטו געווען ביז יעצט..?! אונז האבן שוין נישט געהערט פון דיר גאנצע זיבעציג יאר..?!

און ממילא האט זיי דער רב בארואיגט, און ער האט זיי געזאגט, אז עס איז בכלל נישט קיין גדולה די רעש וואס עס טוט זיך יעצט אפ דארט אויבן אין הימל, ווייל.. פארקערט, עס איז נאך גאר א גרויסע בושה פאר די נשמה דארטן.

אבער על כל פנים.. מיר דארפן וויסן, אז א יעדע תפילה וואס א יוד בעט דעם אייבערשטן, מאכט א רעש אין אלע עולמות עליונים, און דאס ווערט אויס געהערט אויבן אין הימל, און מען גדעדנקט דאס פאר אייביג, און אפילו איך האב שוין געבעטן צוויי טויזנט תפילות, דעמאלט'ס וועל איך בעטן צוויי טויזנט און איין תפילות, ווייל א יעדע תפילה מאכט אויס אויבן אין הימל, און אפילו איך האב אמאל א שווערע תקופה, אדער אויב איך האב באקומען א פסק פון איינעם, דעמאלט'ס ווערט נאך נישט עק וועלט, נאר מען קען ווייטער אָן גיין מיט דעם עבודת השם, און דינען דעם אייבערשטן כאילו לא היה.

אזוי ווי מיר געפונען טאקע ביי די: "שִׁבְטֵי יָ-הּ", אז אפילו יעקב אבינו האט אריין געגעבן מוסר פאר א חלק פון די שבטים, האבן זיי זיך נאך אלץ נישט פארלוירן, נאר זיי האבן דאס איבער געגאנגען, און ווייטער געלעבט כאילו לא היה, ווייל אפילו א מענטש באקומט אמאל א פסק פון איינעם, און אפילו ער ווייסט קלאר, אז יענער איז נישט גערעכט, דארף מען זיך נאך אלץ קענען ארויס דרייען, און גיין ווייטער מיט דאס לעבן כאילו לא היה.

און ממילא דאס איז פשט אין פסוק: "כָּל אֵלֶּה שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל שְׁנֵים עָשָׂר" – די אלע: "שִׁבְטֵי יָ-הּ" זענען אלע ווייטער געבליבן די זעלבע: "שִׁבְטֵי יָ-הּ" אפילו נאך דעם וואס זייער טאטע יעקב האט זיי אָן געשריגן, און זיי זענען אלע געבליבן די זעלבע: "שִׁבְטֵי יָ-הּ" אפילו נאך דעם וואס: וְזֹאת אֲשֶׁר "דִּבֶּר" לָהֶם אֲבִיהֶם – וואס זייער טאטע יעקב האט גערעדט צו [א חלק פון] זיי שטרענגערהייט, (ווייל עס איז דאך באקאנט, אז: "אין דיבור אלא לשון קשה" – אז וואו עס שטייט א לשון "דיבור" מיינט דאס א לשון פון רעדן שטרענג).

און די פסוק זאגט אונז די אויס א מורא'דיגע זאך, אז די שבטים האבן זיך נישט באליידיגט פון דעם פסק וואס זיי האבן באקומען פון זייער טאטן יעקב, נאר זיי האבן דאס אויס געהערט, און ווייטער אָן געגאנגען מיטן לעבן, ווייל א מענטש דארף וויסן, אז קיינער קען מיר נישט טוישן מיין לעבן, און אפילו איך האב געכאפט א פסק, גיי איך נאך אלץ ווייטער אָן מיט דאס לעבן, סיי ווען איינער שרייט מיר אָן, אזוי ווי די לשון הפסוק פון: וְזֹאת אֲשֶׁר "דִּבֶּר" לָהֶם אֲבִיהֶם, און סיי ווען איינער רעדט צו מיר שיין, אזוי ווי די לשון הפסוק פון: "וַיְבָרֶךְ אוֹתָם אִישׁ אֲשֶׁר כְּבִרְכָתוֹ בֵּרַךְ אֹתָם", אלעמאל דארף א מענטש וויסן, אז: "כָּל אֵלֶּה שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל שְׁנֵים עָשָׂר" – אז איך בלייב ווייטער מיר, און איך גיי אָן ווייטער כאילו לא היה, ווייל א יעדע מענטש דארף זיין גאר שטארק ביי זיך, און שטענדיג גדעדנקען, אז קיינער קען מיר נישט אפ האקן מיין קשר צווישן מיר מיט דעם אייבערשטן, און ממילא אפילו ווען איך באקום א פסק, וועל איך נאך אלץ ווייטער דינען דעם אייבערשטן מיט די זעלבע דביקות ווי פריער:

וְאַתֶּם חֲשַׁבְתֶּם עָלַי רָעָה אֱלֹקִים חֲשָׁבָהּ לְטֹבָה לְמַעַן עֲשֹׂה כַּיּוֹם הַזֶּה לְהַחֲיֹת עַם רָב: יוסף הצדיק האט געמיינט מיט דעם צו זאגן פאר די ברודער'ס, אז דער אייבערשטער פירט דאך די וועלט, און ממילא אפילו: "וְאַתֶּם חֲשַׁבְתֶּם עָלַי רָעָה" – אפילו ענק האבן געהאט דא א שלעכטע מחשבה, איז דאך אבער: "אֱלֹקִים חֲשָׁבָהּ לְטֹבָה", און דער אייבערשטער האט געהאט דא אינגאנצן א אנדערע פְּלַאן, און דער

אייבערשטער האט געוואלט, אז עס זאל ארויס קומען פון דעם א טובה, און ענקער מחשבה לגבי די מחשבה פון דעם אייבערשטן.. ווערט דאך זיכער בטל, ווייל דער אייבערשטער פירט דאך די וועלט.

און ממילא לויט דעם חשבון קומט אויס, אז עטץ וואלט'ס קיינמאל נישט געקענט בכלל אויס פירן ענקער פְּלַאן, ווייל די רצון השם יתברך איז דאך געווען אנדערש, און ממילא אויב דער אייבערשטער האט געוואלט אנדערש, דעמאלט'ס זענען ענק דאך בכלל נישט שולדיג, ווייל עס וואלט דאך סיי ווי קיינמאל נישט געקענט געשעהן ענקער פְּלַאן, ווייל דעם אייבערשטנ'ס פְּלַאן איז דאך געווען אנדערש.

און בקיצור נמרץ.. זעהט מען פון דעם, אז יוסף הצדיק האט געהאט גאר א שטארקע: "אֱמוּנָה", עד כדי כך.. אז ער האט אפילו נישט געקענט פארשטיין פארוואס די ברודער'ס בעטן איהם איבער, און וואס זיי ווילן פון איהם, ווייל ער האט זיי געזאגט, אז ענקער פְּלַאן לגבי דעם אייבערשטנ'ס פְּלַאן.. ווערט דאך בטל, און ממילא וואלטן ענק דאך סיי ווי קיינמאל נישט געקענט צו קומען צו אויס פירן ענקער פְּלַאן, ווייל די רצון השם יתברך איז דאך געווען אנדערש, אבער על כל פנים.. זעהט מען פון דעם, וואס דאס מיינט אז א יוד דארף לעבן מיט: "אֱמוּנָה" אין דעם אייבערשטן, און נישט זאגן, אז יענער האט מיר ווי געטוהן, און יענער האט מיר דאס געטוהן, נאר געדענקען אלעמאל, אז דער אייבערשטער פירט א יעדע ריר אין די גאנצע וועלט, און: "ובכל תנועה ותנועה" איז דאך טאקע באמת: "שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם":

וַיָּמָת יוֹסֵף בֶּן מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים וַיַּחַנְטוּ אֹתוֹ וַיִּישֶׂם בָּאָרוֹן בְּמִצְרָיִם: די פסוק איז דא מעיד אויף "יוסף הצדיק", אז ער איז אוועק פון דער וועלט ווען עס איז איהם געווען ליכטיג ווי די טאג, ווייל אפילו יוסף הצדיק האט נעבעך מיט געמאכט אזא שווערע לעבן, אפילו אזוי.. איז ער אבער קיינמאל נישט אוועק געגאנגען פון דעם אייבערשטן.

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק פון: "וַיָּמָת יוֹסֵף" וגו', ווייל די ווערטער: "וַיָּמָת יוֹסֵף בֶּן מֵאָה" – איז דאך טאקע אויך ראשי תיבות: "בַּיּוֹם", כדי צו זאגן פאר א מענטש, אז מען האלט שוין טאקע נאך אזא לאנגע ספר בראשית, וואס מען האט געזעהן די אלע: "צָרוֹת" און: "יְסוּרִים" וואס יוסף הצדיק האט נעבעך מיט געמאכט, און ווי אזוי ער איז א דורך געגאנגען די אלע שוועריקייטן, ממש.. אז דאס הארץ קען צו גיין, אבער אפילו אזוי.. איז יוסף הצדיק אבער נאך אלץ קיינמאל נישט אוועק געגאנגען פון דעם אייבערשטן, נאר ער האט זיך פראבירט צו שטארקן "מיט: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָּחוֹן" אין דעם אייבערשטן, אז דער אייבערשטער וועט מיר נאך זיכער העלפן, און אלעס וועט נאך ווערן צוריק גוט מיט דעם אייבערשטנ'ס הילף.

און אפילו עס איז איהם געווען גאר גאר ביטער, האט ער אבער נאך אלץ אוועק גענומען דעם ביטער'קייט, און ער האט זיך געשטארקט איבער דעם, ווייל ער האט געוואוסט אז דער אייבערשטער זעהט זיין צער, און: "אֵ-ל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל" – און דער אייבערשטער איז א באגלייבט'ער גאט, און ער טוט נישט קיין עוולה'ס, נאר: "צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא" – ער איז א גערעכט'ער און א גלייכער גאט, און ער ווייסט זיכער וואס ער טוט, און עס איז זיכער נאר "לטובה", און מיט די: "דִּבּוּרֵי אֱמוּנָה" האט יוסף הצדיק אוועק גענומען פון זיך דעם ביטער'קייט, און ער האט דאס פראבירט אינגאנצן אוועק צו נעמען פון זיך.

און דאס איז טאקע מרומז אין דעם פסוק פון: "וַיָּמָת יוֹסֵף" וגו', ווייל די ווערטער: "וַיָּמָת יוֹסֵף בֶּן מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים" – וואס איז סופי תיבות: "תְּפֵנֶה מַר", דאס מיינט צו זאגן, נעם אוועק די "מרירות" – די ביטער'קייט פון זיך, ווייל דאס איז געווען יוסף הצדיק'ס קרוין, אז אפילו עס גייט מיר שווער, און אפילו עס טוט מיר עפעס וויי, פראביר איך נאך אלץ אוועק צו נעמען דעם ווייטאג פון מיר מיט: "דִּבּוּרֵי אֱמוּנָה וּבִטָּחוֹן", אז דער אייבערשטער טוט דאך זיכער נאר וואס עס איז גערעכט, און אפילו איך פארשטיי נישט דעם אייבערשטנ'ס וועגן, אפילו אזוי.. לאז איך נאך אלץ נישט אפ דעם אייבערשטן, נאר איך פראביר ווייטער אוועק צו נעמען דעם ביטער'קייט פון מיר, און אריין צו ברענגען אין מיר א: "שִׂמְחָה" אנשטאדט דעם.

ווייל יוסף הצדיק האט דאך געוואוסט, אז: "יֵשׁ מַנְהִיג לְבִּירָה", און דער גרויסער מנהיג פון דער וועלט וועט דאך זיכער קיינמאל נישט צו לאזן אז איינער זאל מיר טוהן שלעכט'ס, און ער האט דאס אזוי שטארק אריין געבאקען אין זיך, ביז ער האט געלעבט מיט דעם, און ער האט פארשטאנען אז אויף יעדע זאך וואס עס פאסירט דארף מען פראבירן אריין צו ברענגען אין זיך דעם געדאנק אז: "כל דרחמנא עביד לטב עביד" – אז וואס דער אייבערשטער טוט, איז דאך זיכער נאר געטוהן געווארן צום גוט'ן, און אפילו איך פארשטיי דאס נישט, גלייב איך אבער נאך אלץ אז אלעס האט דאך זיכער א קלאר'ע חשבון פון הימל, ווייל: "הוּא בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים", און: "וְהוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים":

**תם ולא נשלם! שבח ושירה לא–ל אשר שבת ברא!**

**יצא לאור לזכר נשמת מרן רבינו ישראל אברהם**
**בן אליעזר זוסיא זצוק"ל.**

**ולז"נ זקני הרב ר' יצחק בן יונה ז"ל**

(לקבלת הגליון שלח למייל: skulennigun@gmail.com).